בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## מצורע תשכ"ז (חלק ב)

**וּבָתִּים טוֹבִים תִּבְנֶה וְיָשָׁבְתָּ**

• ג' טעמים בדברי חז"ל על נגעי הבתים. א) למצוא המטמוניות שהטמינו הגוים. ב) לעונש על החטא, ולעורר לתשובה. ג) לנתוץ הבתים שבנו הכנענים לשם ע"ז • זוהר: הבונה בית יכוון לשם קדושה, וסכנה לדור בבית שלא נבנה לשם קדושה • אין ראוי שיעשו נסים בשביל 'ממון', והרבה דרכים למקום להשפיע ממון באופן המלובש בטבע, אבל לעורר 'לתשובה' נעשים נסים • בעש"ט: לפעמים מתחייב בבי"ד, עבור חטאו בגלגול הקדום • אריז"ל: פסקי ההלכה בכל דור הם לפי שורשם במדות העליונות • ע"י התבוננות בקריאת הפרשה, ובפרט כשקורין בציבור, ניצולין שלא יתקיים הפורענות בפועל • רמב"ם: הא דאין בי"ד יכול לבטל דברי בי"ד חבירו, הוא רק בתקנה וגזירה, ולא בדין התלוי במדרש הפסוקים • בפרשת נגעי בתים נרמזו כל מאורעות בגלות, עד הגאולה שלימה •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ו לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**
**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright
צו מנדב זיין רופט : **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד : **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו - קונטרס שבט** (חלק ב) (**45** מינוט מתוך **90**) **זייער קלאָר** ★ ★ ★ ★ ★

**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **823** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-2223419**
**79→2→3→5→27. 2**

# ◆ ברכת מזל טוב ◆

הר״ר **יואל ווידער** הי״ו - בהר״ר **שלום יחזקאל** הי״ו
לאירוסי בתו - עב״ג החתן **אשר אנשיל** נ״י
בן הר״ר **יושע ברוך גראס** הי״ו

# ◆ וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן ◆

הרה״ק רבי **ישעי׳** ב״ר **משה** זצ״ל **מקערעסטיר** יומא דהילולא ג׳ אייר תרפ״ה - זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל

הרה״ח גדול בתורה ובחכמה, היטיב לשבורי לב, ובשכלו הישר עסק בהבאת שלום, תלמיד חביב ועבד נאמן של רביה״ק זי״ע
רבי **יהודה** הכהן ז״ל **ראזענבערג**
מנהל מחנה רב טוב ובית האופה
בן רבי **דוד הכהן** ז״ל - נפטר ג׳ אייר תשנ״ו

הרה״ח משרידי דור הישן, קבע עתים לתורה, התפלל בהתלהבות ובמתינות, מקבל כל האדם בסבר פנים יפות, ופעל הרבה למען הקמת המוסדות של רביה״ק זי״ע
רבי **חיים צבי** ז״ל **שווימער**
בן הרה״ח ר׳ **ישראל מנחם** ז״ל
נפטר ב׳ אייר תשפ״ד

האשה החשובה והצנועה
מרת **רחל לאה** ע״ה **צאהלער**
ב״ר **ישראל** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **יצחק** ז״ל
נפטרה ה׳ אייר תש״פ

האשה החשובה והצנועה, יראת ה׳ היא תתהלל
מרת **פרידא מילכה** ע״ה
ב״ר **חיים שמחה בונם** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **שמואל צבי קופטשיק** שליט״א
נפטרה ג׳ אייר תש״פ

האשה החשובה, בעלת צדקה וחסד, נודעת בשערים בעבודתה המרובה ובהכנה דרבה לכבוד השבת קודש
מרת **רבקה יוכבד** ע״ה
ב״ר **בנציון הלוי** נ״י
אשת הר״ר **שלום יוסף דייטש** הי״ו
נפטרה ו׳ אייר תש״פ

האשה החשובה מרת
**דינה גאלדא** ע״ה **ווייס**
ב״ר **דוד הכהן** ז״ל
אשת ר׳ **שלמה יעקב** ז״ל
נפטרה ה׳ אייר תשנ״ז

האשה החשובה מרת
**רבקה רחל** ע״ה **זיכערמאן**
ב״ר **אברהם שלמה** ז״ל
אשת ר׳ **חיים יחיאל מיכל** ז״ל
נפטרה ג׳ אייר תש״פ

הרה״ח רבי **משה אפרים** ב״ר **ארי׳** ז״ל **הערשקאוויטש** – וזוגתו מרת **שפרה יענטא** ע״ה ב״ר **משה יודא** ז״ל
מרת **חיה דבורה** ע״ה ב״ר **מאיר** ז״ל **וויינשטאק**

KolSatmar.com

יז

# קושיות ודקדוקים בפרשת נגעי בתים

**ווייטער שטייט, נאָך דער פַּרְשָׁה** [של טהרת המצורע], **קומט** [פרשת] **נגעי בתים.**

**וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר, כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם לַאֲחֻזָּה וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם, איך וועל ענק געבן אַ נֶגַע צָרַעַת.**

יח

## קושיא י

להבין הלשון וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם, וכמו שדקדקו חז״ל בזה

**י) איז דאָך די קַשְׁיָא** [על הלשון] **׳וְנָתַתִּי׳** [שמייחס זה לו ית׳, וגם נאמר בלשון ׳מַתָּנָה׳]. **איבעראַל שטייט** [הלשון כגון] **כִּי יִהְיֶה בוֹ,** [אַז] **ס׳וועט זיין, כִּי יִהְיֶה בוֹ נָגַע** (תזריע יג, כט), [אָבער דאָ] **שטייט נישט ס׳וועט זיין,** [נאָר] **ס׳שטייט איך וועל געבן.** [ס׳איז עפּעס] **אַ ׳מַתָּנָה׳?** (ישוב קושיא י לדרכינו, יודפס אי״ה בחלק ג׳ של הקונטרס)

יט

## ישוב קושיא י בדברי חכז״ל [וכו טעם ראשון לנגעי בתים] וגם הקדמה לקושיא יא-יב, טו, יז

וחכמינו ז״ל פירשו בזה, דבשורה טובה היא לישראל, כי על ידי מצות הנתיצה בנגעי בתים, ימצאו ישראל את האוצרות שהטמינו האמוריים בבתיהם

[נאָר] **חכמינו ז״ל זאָגן** [בישוב קושיא י, און] **רש״י ברענגט עס צי**[א], [דהכוונה] **ס׳איז אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה לישראל,** [ווייל] **די אֱמוֹרִיִּים האָבן באַהאַלטן דאָרטן אין די קִירוֹת הַבַּיִת אוֹצְרוֹת, מַטְמוֹנִים,** [און] **אַז מ׳האָט ציוואָרפן דאָס הויז** [מחמת הנגע], **האָט מען געטראָפן די מַטְמוֹנִים.**

**ס׳איז אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה לישראל, איבערדעם שטייט ׳וְנָתַתִּי׳, איך וועל געבן.**

כ

**ס׳איז אַ גמרא אין הוריות**[ב]**, און ס׳איז אַ מֵימְרָא דרבי שמעון בן יוחאי**[ג] **דאָ אין מדרש**[ד]**, אַז דאָס איז די בְּשׂוֹרָה טוֹבָה,** [וועגן] **די מַטְמוֹנִיּוֹת.**

---

[א] **ברש״י** (יד, לד): **וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת. בְּשׂוֹרָה היא להם שהנגעים באים עליהם, לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם כל ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר, ועל ידי הנגע נותץ הבית ומוצאן.**

[ב] **בגמרא הוריות** (י.): תנו רבנן, **אֲשֶׁר נָשִׂיא יֶחֱטָא, יכול גְּזֵרָה** [פירש״י: דגזרת מלך היא שנשיא יחטא, מדלא כתיב ׳ואם׳ נשיא יחטא], תלמוד לומר ׳אִם׳ הַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ יֶחֱטָא, מה [יחטא האמור] להלן, לכשיחטא [דהא כתיב ׳אִם׳], אף [יחטא האמור] כאן [גבי נשיא], לכשיחטא. ○ **אמר מר יכול גְּזֵרָה, גְּזֵרָה מהיכא תיתי** [כלומר היכי מצית למימר יכול גזירה, דהיכא אשכחן גזירה כהאי גוונא]. אמרי אין [דודאי אשכחן כהאי גוונא], **אשכחן דכתיב וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם, בְּשׂוֹרָה היא להם שנגעים באים עליהם** [שהכתוב מבשרן שעתיד להיות, אע״פ שדבר רע הוא], דברי רבי יהודה, רבי שמעון אומר [וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת, שיהא בא מאליו], פרט לנגעי אונסין [שאם באו נגעים ע״י נפיחת שד, דלא מיטמון]. **לאו אמר רבי יהודה בְּשׂוֹרָה, הכא נמי אימא גְּזֵרָה היא, הלכך כתיב ׳אִם׳** [הַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ יֶחֱטָא, לכשיחטא, והכי נמי אֲשֶׁר נָשִׂיא יֶחֱטָא, לכשיחטא].

[ג] כנראה רבינו מקדים זה בנוגע למה שדקדק להלן (באות עא) בזה על דברי רבי אלעזר בר״ש, דהאיך יסתור דברי אביו רשב״י בזוהר, וכן יוקשה על מה שסותר דברי אביו במדרש. וכן נוגע זה לענין דברי רבינו באות נז, דאף לטעם הזוהר דלהלן, מודה גם לטעם דמטמוניות (וע״ע להלן בסוף הערה לו). [ואולי כוונתו עוד בזה, דאף שבגמרא דהוריות חולק רבי שמעון על רבי יהודא בפירושא דקרא, אבל בעצם הענין דנגעי בתים דהטעם משום מציאת המטמוניות, מודה לדבריו במדרש דלהלן].

[ד] **בויקרא רבה** (יז, ו): **וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת, תני רבי חייא וכי בְּשׂוֹרָה היא להם שנגעים באים עליהם. תני רבי שמעון**

KolSatmar.com

כד

### התחלת קושיא יב [ובו טעם שני לנגעי בתים]
### וגם הקדמה לקושיא טו-יז

לכאורה מצאנו סתירה בדברי חכמינו ז"ל בטעם נגעי בתים, דלפי המאמר דלעיל נמצא דהיא כדי שימצאו המטמוניות שבבתים, אבל בכמה מאמרים אחרים נראה שהוא בא לעונש על החטאים, ובכדי לעורר את הבעלים לתשובה על החטא

**יב)** [נאָר] **אין דעם טַעַם פון נגעי בתים.**

[הנה] **דאָ אין דעם מַאֲמַר** [דלעיל] **פון דער מֵימְרָא** [שבגמרא ובמדרש] **זעט אויס** [אַז] **דער טַעַם איז** [כדי] **מ'זאָל טרעפן די מַטְמוֹנִיּוֹת.**

**אָבער אין כַּמָּה מַאֲמָרִים אַנדערע, זעט אויס עפּעס אַנדערש** [דהוא לעונש על החטא, ובכדי לעורר האדם לשוב בתשובה על חטאיו].

[און] **רש"י אַליין ברענגט עס אויך ווייטער**[ה] [שהנגעים באים על לשון הרע, ושהתקנה להנצל מהם הוא להשמר מלשון הרע].

כה

וכדמוכח במה שאמרו דאין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחילה, אלא בתחילה בא הנגע על ביתו, ואם לא שב בתשובה בא הנגע על בגדיו, ושוב על בשרו

[ואמרו חכז"ל][ו] **אֵין בַּעַל הָרַחֲמִים פּוֹגֵעַ בִּנְפָשׁוֹת תְּחִלָּה. אַז מ'זינדיגט, קודם הייבט זיך אָן אַ נֶגַע בַּבָּיִת, וְחִלְּצוּ** [אֶת] **הָאֲבָנִים** (יד, מ), [ביז ער איז] **נוֹתֵץ אֶת הַבַּיִת** (שם, מה). [וְאִם] **לֹא חָזַר בִּתְשׁוּבָה, קומט עס אויף די בְּגָדִים. וְאִם לֹא חָזַר, קומט אים** [אַ נגע] **אויפן גוף.**

כו

**זעט מען דאָך אַז** [טעם דנגעי בתים] **דאָס איז אינגאַנצן אויף מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה צו זיין, מ'זאָל אים דערמאַנען מ'זאָל תְּשׁוּבָה טון.**

[און] **ווען דאָס איז וועגן דעם** [כפי טעם הראשון]**, כדי מ'זאָל טרעפן מַטְמוֹנִיּוֹת'ער, איז דאָך עס נישט קיין** [ענין של עונש, המעוררו לתשובה].

---

בן יוחאי, כיון ששמעו כנענים שישראל באים עליהם, עמדו והטמינו ממונם בבתים ובשדות, אמר הקב"ה אני הבטחתי לאבותיהם שאני מכניס את בניהם לארץ מלאה כל טוב, שנאמר (עקב ו, יא) וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב. מה הקב"ה עושה, מגרה נגעים בביתו, והוא סותרו, ומצא בו סימא.

[ה] ברש"י פרשת כי תצא (כד, ט): זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה וגו' לְמִרְיָם. אם באת להזהיר שלא תלקה בצרעת, אַל תספר לשון הרע, זְכוֹר העשוי למרים, שדברה באחיה ולקתה בנגעים.

ועיין גם ברש"י לעיל (יד, ד): לפי שהנגעים באין על לשון הרע (ערכין טו:) שהוא מעשה פטפוטי דבריםף לפיכך הוזקקו לטהרתו צִפֳּרִים שמפטפטין תמיד בצפצוף קול: וְעֵץ אֶרֶז. לפי שהנגעים באין על גסות הרוח: וּשְׁנִי תוֹלַעַת וְאֵזוֹב. מה תקנתו ויתרפא, ישפיל עצמו מגאותו כתולעת וכאזוב.

[ו] בויקרא רבה (יז, ד): רב הונא בשם רבי יהושע בר אבין, ור' זכריה חתניה דרבי לוי בשם ר' לוי, אין בעל הרחמים נוגע בנפשות תחלה, ממי אַתְּ למד, מאיוב וכו'. אף במצרים כן, וַיַּסְגֵּר לַבָּרָד בְּעִירָם וּמִקְנֵיהֶם לָרְשָׁפִים (תהלים עח, מח. קה, לב), ואחר כך (שם קה, לג) וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם, ואחר כך (שם, לו) וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם רֵאשִׁית לְכָל אוֹנָם. אף מחלון וכליון כן, בתחלה נגעה בהם מדת הדין בממונם, ואחר כך וַיָּמֻתוּ גַם שְׁנֵיהֶם (רות א, ה). ואף נגעים הבאים על האדם, תחלה הן באים בביתו, חזר בו טעון חליצה, ואם לאו טעון נתיצה, הרי הן באים על בגדיו, חזר בו טעון כביסה, ואם לאו טעון שריפה. הרי הם באים על גופו, חזר בו יטהר, ואם לאו בָּדָד יֵשֵׁב.

ובתנחומא תזריע (סימן י): אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ (תזריע יג, ב). קשה לפני הקב"ה לפשוט ידו באדם הזה, ומה הוא עושה, מתרה בו תחלה ואחר כך מלקה אותו, שנאמר וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם, בתחלה מלקה ביתו, חזר בו מוטב, ואם לאו מלקה בגדיו, שנאמר וְהַבֶּגֶד כִּי יִהְיֶה בוֹ נֶגַע צָרַעַת חזר בו מוטב, ואם לאו באים בגופו, שנאמר אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ.

KolSatmar.com

כז

**וכן מוכח בתורת כהנים בדרשת הפסוק וְהִגִּיד לַכֹּהֵן לֵאמֹר, שהכהן אומר לו דברי כבושים שהנגע בא עבור לשון הרע**

אין **תורת כהנים שטייט אויך**[ז] [דהנגע בא לעוררו על התשובה, דאיתא שם על הפסוק] **וּבָא אֲשֶׁר לוֹ הַבַּיִת וְהִגִּיד לַכֹּהֵן לֵאמֹר כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת** (יד, לה). **לכאורה איז דאָך שוועער דער לֵאמֹר,** [שהרי כבר נאמר כאן] **וְהִגִּיד לַכֹּהֵן,** [און פאַר] **וועמען זאָל ער** [הכהן] **זאָגן ווייטער. זאָגט דער תורת כהנים, ׳לֵאמֹר׳, דער כֹּהֵן זאָל זאָגן דִּבְרֵי כִּבּוּשִׁים, פאַרוואָס קומט דיר אַ נֶגַע, ווייל דו האָסט גערעדט לָשׁוֹן הָרָע, ווייל ס׳איז דאָ עֲוֹנוֹת.** [ועל זה נאמר ׳לֵאמֹר׳] **ער זאָל אים זאָגן דברי כבושים.** (המשך קושיא יב, באות לא)

לא

**המשך וסיום קושיא יב**

**על כל פנים זאָגט ער אויך** [התורת כהנים] **אַז ס׳קומט אויף אַ חֵטְא, אַז דאָס איז להורות תשובה, די נגעי בתים.**

לב

**די בעלי התוספות**[ח] **ברענגט צי דעם זעלבן מדרש**[ו] **דאָ, אויף אַן אַנדער לשון אַביסל. מסתמא האָט ער געטראָפן מִדְרָשִׁים שׁוֹנִים** [בזה, ושם] **האָט ער געטראָפן ׳אַזוי׳ דעם לשון.**

[אַז ביי] **די אוּמוֹת הָעוֹלָם, אַז דער בורא כל עולמים איז** [זיי] **מַלְקֶה מיט נְגָעִים, הייבט ער אָן ׳תֵּיכֶף׳ אויפן גוּף,** [שנאמר] (לך יב, יז) **וַיְנַגַּע ה׳ אֶת פַּרְעֹה נְגָעִים גְּדֹלִים** [והדר וְאֶת בֵּיתוֹ, קודם] **אויף אים אַליין.**

[אָבער] **ביי אידן הייבט מען נישט אָן אַזוי, הייבט מען אָן קודם נגעי בתים, און דערנאָך בגדים, און דערנאָך דאָס.**

**אַזוי זאָגן, די בעלי התוספות ברענגט אַזוי דאָס לשון פונעם מדרש.**

לג

**הגם דאָ** [במדרש דלעיל] **שטייט דאָך אין מדרש**[ו] [אַז] **אין מִצְרַיִם האָט מען אויך קודם געגעבן** [מכות על ממונם, ואחר כך בגופם. נאָר] **ס׳קאָן זיין** [דשאני] **אין מִצְרַיִם אפשר, ווייל אידן זענען געווען דאָרטן,** [והיתה בזה גם כוונה] **מ׳זאָל מְאַיֵּים זיין אויף ׳זיי׳ טאַקע**[ט] [על בני ישראל].

---

[ז] בתורת כהנים בפרשתן (פ״ה, ז-ח): **וְהִגִּיד לַכֹּהֵן**, ידקדק הכהן כיצד בא הנגע לביתו. **לֵאמֹר, יאמר לו הכהן דברי כיבושים, בְּנִי אין הנגעים באים אלא על לשון הרע,** שנאמר (תצא כד, ח-ט) הִשָּׁמֶר בְּנֶגַע הַצָּרַעַת לִשְׁמֹר מְאֹד וְלַעֲשׂוֹת, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם, וכי מה ענין זה לזה, **אלא מלמד שלא נענשה אלא על לשון הרע,** והלא דברים קל וחומר, ומה אם מרים שדברה שלא בפניו של משה כך, מדבר גנאי של חבירו בפניו על אחת כמה וכמה. רבי שמעון בן אלעזר אומר, **אף על גסות הרוח נגעים באים** וכו׳.

[ח] בדעת זקנים לבעלי התוספות (יד, לד): וְנָתַתִּי [נֶגַע צָרַעַת]. אמר להם הקב״ה לישראל **רְאוּ מה ביניכם לאומות העולם,** כשהן חוטאין, אני מלקה בהם תחלה ואחר כך בבתיהם, שנאמר וַיְנַגַּע ה׳ אֶת פַּרְעֹה וגו׳. אבל אתם אם חטאתם, בתיכם אני מלקה תחלה, שנאמר וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם. וכי מה חטאו העצים והאבנים, אלא כדי שיראו ויקחו מוסר. ○ וכן אתה מוצא כשחטאו ישראל ורצה הקב״ה להגלותם, הביא סנחריב על כל האומות, כדי שיראו ישראל ויעשו תשובה, שנאמר (צפני׳ ג, ו) הִכְרַתִּי גוֹיִם וגו׳. ○ **כך הקב״ה מראה לאדם ומלקה ביתו תחלה, אם חזר בו מוטב, ואם לאו בגדיו לוקים,** שנאמר אחר כן (יד, נה) וּלְצָרַעַת הַבֶּגֶד. **ועדיין אם חזר בו מוטב, ואם לאו לוקה בגופו,** שנאמר לבסוף (טו, ב) אִישׁ כִּי יִהְיֶה זָב, וגם לוקה בג׳ מינין הללו, לַשְׂאֵת וְלַסַּפַּחַת וְלַבֶּהָרֶת (יד, נו).

[ט] וכמבואר ברש״י כי תבוא (כח, ס): [כָּל מַדְוֵה מִצְרַיִם] **אֲשֶׁר יָגֹרְתָּ מִפְּנֵיהֶם.** מפני המכות, כשהיו ישראל רואים

KolSatmar.com

לד

אָבער קודם ברענגט די בעלי התוספות אַזוי, [אַז] דאָס ערשטע מאָל וואָס ס'שטייט נְגָעִים, שטייט ביי פַּרְעֹה'ן [שבימי אברהם. און] דאָרט שטייט האָט מען אָנגעהויבן עַל גּופוֹ גראָד, תֵּיכֶף. און פאַר אידן האָט דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים געזאָגט 'אַזוי' [דקודם על ביתו ובגדיו, ואח"כ על גופו].

לה

ס'איז דאָ אַסאַך מדרשי חכמינו ז"ל וואָס מ'ברענגט, אַלץ אויף דעם נוסח [דטעם נגעי בתים הם להזהירו על התשובה].

[ונמצא] דאָס איז אַן אַנדערער טַעַם [ולא כהטעם דלעיל בשביל מטמוניות שבבתים. ולכאורה דברי ב' מדרשים אלו הם נראים קצת כסתירה].

לו

**הוספה לקושיא יב**

**והקדמה לקושיא טז [ובו טעם שלישי לנגעי בתים]**

ובזוהר הק' מצאנו טעם שלישי לנגעי בתים, דזהו בשביל שהכנענים בנו הבתים לשם עבודה זרה, ושורה שם רוח הטומאה, ולכן מסבב הקב"ה את הנגע כדי שינתצו אותן בתים, ויבנום בני ישראל מחדש בקדושה

**אין זוהר הקדוש' שטייט גאָר אַ דריטער טַעַם, גאָר אַן אַנדערן טַעַם, אויף די גאַנצע נגעי בתים.**

---

מכות משונות הבאות על מצרים, היו יראים מהם שלא יבואו גם עליהם. תדע, שכן כתיב (בשלח טו, כו) וַיֹּאמֶר אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע וגו' כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ, אין מְיַרְאִין את האדם אלא בדבר שהוא יָגוֹר ממנו.

' בזוהר הק' (תזריע דף נ): כְּגַוְנָא דָא כְּתִיב כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ כְּנַעַן וְגוֹ' וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם. וְכִי אֲגַר טַב הוּא, דְּיִשְׁתְּכַח בְּאִינּוּן דְּזַכָּאן לְמֵיעַל בְּאַרְעָא. אֶלָּא הָא אוֹקְמוּהָ, לְאַשְׁכְּחָא מַטְמוֹנִין דְּאַטְמְרָן בְּבֵיתַיְיהוּ, וּלְאַהֲנָאָה לוֹן לְיִשְׂרָאֵל. אֲבָל תָּא חֲזֵי, זַכָּאִין אִינּוּן יִשְׂרָאֵל, דְּאִינּוּן מִתְדַּבְּקָן בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לְהוּ, דִּכְתִיב (מלאכי א, ב) אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה', וּמִגּוֹ רְחִימוּתָא דִּילֵיהּ אָעִיל לְהוּ לְאַרְעָא קַדִּישָׁא, לְאַשְׁרָאָה שְׁכִינְתֵּיהּ בֵּינַיְיהוּ וּלְמֶהֱוֵי דִּיּוּרֵיהּ עִמְּהוֹן, וְיִשְׂרָאֵל דְּיִשְׁתַּכְּחוּן קַדִּישִׁין עַל כָּל בְּנֵי עָלְמָא. ○ תָּא חֲזֵי, כְּתִיב (ויקהל לה, כו) וְכָל הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נָשָׂא לִבָּן וְגוֹ', בְּשַׁעֲתָא דַּהֲווֹ עָבְדִין עֲבִידְתָּא, הֲווֹ אָמְרֵי דָּא לְמַקְדְּשָׁא, דָּא לְמַשְׁכְּנָא, דָּא לְפָרוֹכְתָּא. וְכֵן כָּל אִינּוּן אוּמָנִין, בְּגִין דְּיִשְׁרֵי קְדוּשָּׁה עַל יְדַיְיהוּ, וְאִתְקַדַּשׁ הַהוּא עֲבִידְתָּא. וְכַד סָלִיק לְאַתְרֵיהּ, בִּקְדוּשָּׁה סָלִיק. ○ כְּגַוְונָא דָא, מַאן דְּעָבִיד עֲבִידְתָּא לַעֲבוֹדָה זָרָה, אוֹ לְסִטְרָא אַחֲרָא, דְּלָא קַדִּישָׁא. כֵּיוָן דְּאִדְכַּר לֵיהּ עַל הַהוּא עֲבִידְתָּא, הָא רוּחַ מְסָאֲבָא שַׁרְיָא עֲלוֹי, וְכַד סָלִיק עֲבִידְתָּא, בִּמְסָאֲבָא סָלִיק. כְּנַעֲנִים פָּלְחֵי לַעֲבוֹדָה זָרָה אִינְהוּ, וּמִתְדַּבְּקָן כֻּלְּהוּ כַּחֲדָא בְּרוּחַ מְסָאֲבָא בַּעֲבוֹדָה זָרָה, וַהֲווֹ בָּנְיָין בִּנְיָן לְפַרְצוּפַיְיהוּ (ס"א לטנופייהו) וּלְגִעוּלַיְיהוּ, לְסִטַר מְסָאֲבָא לַעֲבוֹדָה זָרָה, וְכַד שָׁרָאן לְמִבְנֵי הֲווֹ אָמְרֵי מִלָּה, וְכֵיוָן דְּאִתְדְּכַר בְּפוּמַיְיהוּ, סָלִיק עָלֵיהּ רוּחַ מְסָאֲבָא. כַּד אִסְתַּלִּיק עֲבִידְתָּא, בְּרוּחַ מְסָאֲבָא אִסְתַּלִּיק. כֵּיוָן דְּעָאלוּ יִשְׂרָאֵל לְאַרְעָא, בָּעָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְדַכָּאָה לוֹן, וּלְקַדְּשָׁא לוֹן אַרְעָא, וּלְאַפְנָאָה אֲתַר לִשְׁכִינְתָּא, דְּלָא תִשְׁרֵי שְׁכִינְתָּא גּוֹ מְסָאֲבָא. וְעַל דָּא בְּהַהוּא נֶגַע צָרַעַת הֲווֹ סָתְרִין בִּנְיָינִין דְּאָעִין וְאַבְנִין דְּאִתְעֲבִידוּ בִּמְסָאֲבוּ. ○ תָּא חֲזֵי, אִי עוּבְדָא דָּא הֲוָה לְאַשְׁכְּחָא מַטְמוֹנִין בִּלְחוֹדוֹי, יַהַדְרוּן אַבְנִין לְבָתַר כְּמָה דְּאִינּוּן לְאַתְרַיְיהוּ, וְעַפְרָא לְאַתְרֵיהּ. אֲבָל קְרָא כְּתִיב וְחִלְּצוּ אֶת הָאֲבָנִים, וּכְתִיב וְעָפָר אַחֵר יִקַּח, בְּגִין דְּיִתְעֲבַר רוּחַ מְסָאֲבָא, וְיִתְפַּנֵּי וְיִתְקַדַּשׁ הַשְׁתָּא כְּמִלְּקַדְּמִין, וְיִשְׁתַּכְּחוּ יִשְׂרָאֵל בִּקְדוּשָּׁה, וּבְדִיוּרָא קַדִּישָׁא, לְמִשְׁרֵי בֵּינַיְיהוּ שְׁכִינְתָּא. ○ וְעַל דָּא מַאן דְּבָנֵי בִּנְיָן, כַּד שָׁארֵי לְמִבְנֵי, בָּעֵי לְאַדְכְּרָא בְּפוּמֵיהּ דְּהָא לְפוּלְחָנָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא הוּא בָּנֵי. בְּגִין דִּכְתִיב (ירמי' כב, יג) הוֹי בּוֹנֶה בֵיתוֹ בְּלֹא צֶדֶק וְגוֹ', וּכְדֵין סִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא שָׁארֵי עֲלוֹי, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא זַמִּין עֲלֵיהּ קְדוּשְׁתָּא, וְקָארֵי עֲלֵיהּ שָׁלוֹם. הֲדָא הוּא דִּכְתִיב (איוב ה, כד) וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ [וּפָקַדְתָּ נָוְךָ וְלֹא תֶחֱטָא] וְגוֹ'. מַהוּ וּפָקַדְתָּ נָוֶךָ, הָא אוֹקְמוּהָ, אֲבָל וּפָקַדְתָּ, לְאַפְקְדָא מִלָּה בְּפוּמָא כַּד אִיהוּ בָּנֵי, וּכְדֵין וְלֹא תֶחֱטָא כְּתִיב. וְאִי לָאו, הָא זַמִּין לְבֵיתֵיהּ סִטְרָא אַחֲרָא. ○ כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְּבָנֵי וּרְעוּתֵיהּ בְּגַוְונָא אַחֲרָא, בְּגִין דִּמְיַחֵד בֵּיתָא לְסִטְרָא אַחֲרָא לְאִסְתָּאֲבָא בֵּיהּ, הָא וַדַּאי שַׁרְיָא בֵּיהּ רוּחַ מְסָאֲבָא, וְלָא נָפִיק הַהוּא בַּר נַשׁ מֵעָלְמָא עַד דְּאִתְעֲנַשׁ בְּהַהוּא בֵּיתָא, וּמַאן דְּדָיִיר בֵּיהּ, יָכִיל לְאִתְזְקָא, דְּהָא הַהוּא דִּירָה רוּחַ מְסָאֲבָא שַׁרְיָא בֵּיהּ, וְאַזִּיק מַאן דְּאִשְׁתְּכַח בֵּיהּ. וְאִי תֵּימָא בְּמָה יְדִיעַ. כְּגוֹן דְּאִתְּזַק בְּהַהוּא בֵּיתָא הַהוּא דְּבָנֵי לָהּ, אוֹ אֱנָשֵׁי בֵּיתֵיהּ, אוֹ בְּנִזְקֵי דְּגוּפָא אוֹ בְּנִזְקֵי מָמוֹנָא, הוּא וּתְרֵין אָחֳרָנִין אֲבַתְרֵיהּ. הָא וַדַּאי יַעֲרוֹק בַּר נַשׁ לְטוּרָא, וְלָא יָדוּר בֵּיהּ. יָדוּר בְּטִיהֲלָא דְּעַפְרָא, וְלָא יָדוּר בֵּיהּ. ○ וּבְגִין כָּךְ, קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָס עֲלַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל, דְּאִינּוּן לָא יָדְעִין מִלָּה בְּכָל

KolSatmar.com

לז

זאָגט ער, אַז מ'בויעט אַ הויז, און מ'זאָגט נישט 'אין תְּחִילַּת' פונעם בִּנְיָן [דהוא לשם] קְדוּשָּׁה, עַל שֵׁם מ'זאָל דאָרט דינען דעם אייבערשטען, איז שוֹלֵט [דאָרט] אַ רוּחַ מְסָאֲבָא.

איבערהויפּט אַז מ'זאָגט נאָך אַרויס לשם עבודה זרה, איז עס מְסָאֵב [את הבית], די סִטְרָא אַחֲרָא.

לח

[ולפי זה] זאָגט ער, [אַז ווייל] ס'זענען געווען די הייזער פון די כְּנַעֲנִיִּים [שהיו] עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, איז 'זייער נישט גוט' געווען, דאָרט צו וואוינען.

נו וויאַזוי האָט מען געוואוסט [איזה בתים הם שנבנו לשם עבודה זרה]?

האָט דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים געטון אַ נֵּס, ער האָט אַראָפּגעשיקט נְגָעִים [באותן הבתים].

לט

זאָגט ער [בזוהר], ווען ס'זאָל נאָר זיין וועגן געלט אַליין, העט מען דאָך נישט גיוועןגעדאַרפט אֲבָנִים אֲחֵרוֹת, עָפָר אַחֵר וְטָח אֶת הַבָּיִת (יד, מב). אֶלָּא מַאי ס'איז נישט דעס [בלבד, נאָר] ס'איז געווען כדי מ'זאָל צושטויסן די הייזער פון עבודה זרה.

אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש.

ער איז מַאֲרִיךְ אין דעם [מיט אַן] אֲרִיכוּת גָּדוֹל, אין פרשת תזריע.

מ

און [ער] שטעלט זיך דערויף[יא], זאָגט ער [אי הכי במאי מוקמינן קרא דכתיב] וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב (ואתחנן ו, יא), וואָס הייסט, [אַז] ס'איז דאָך דאָ אַזעלעכע הייזער וואָס מ'האָט געדינט די עֲבוֹדָה זָרָה [ורוח מסאבא שריא בגווייהו, אם כן האיך הם מְלֵאִים כָּל טוּב].

נאָר ער מיינט, זיי זענען מְלֵאִים [מיט] דעם כֶּסֶף וְזָהָב וואָס מ'האָט געטראָפן [בתוך הבתים].

---

אִינּוּן בָּתֵּי. וְהוּא אָמַר, אַתּוּן לָא יַדְעִין, אֲנָא יְדַעְנָא, וְאַרְשִׁימְנָא לוֹן בְּנֶגַע. נֶגַע דָּיִיר בְּבֵיתָא, הָא נֶגַע אַחֲרָא תַּקִּיפָא דְּיַפִּיק לֵיהּ, וְיַעֲבַר לֵיהּ מִן עָלְמָא. וּכְדֵין וְנָתַץ אֶת הַבַּיִת אֶת אֲבָנָיו וְאֶת עֵצָיו. כֵּיוָן דְּאָזִיל לֵיהּ, מַאי טַעֲמָא וְנָתַץ אֶת הַבַּיִת. אֶלָּא בְּכָל זִמְנָא דְּהַהוּא בִּנְיָן לְהֱוֵי קַיָּים, דִּילֵיהּ הוּא, וְיָכִיל לְאַהֲדְרָא. הַאי בְּאַרְעָא קַדִּישָׁא, כָּל שֶׁכֵּן בְּאַרְעָא אַחֲרָא, דִּזְמִינָא רוּחַ מְסָאֲבָא יַתִּיר, וְיָכִיל בַּר נָשׁ לְאִתְּזָקָא וכו'. ○ אָמַר לֵיהּ רַבִּי חִיָּיא, וְהָא גּוֹיִם וּשְׁאָר בְּנֵי נָשָׁא דַּיְירֵי בְּגַוֵּיהּ, וְאִשְׁתְּלִימוּ. אָמַר לֵיהּ, אִינּוּן מִסִּטְרַיְיהוּ קָא אַתְיָין, אֲבָל מַאן דְּדָחִיל חַטָּאָה, יָכִיל לְאִתְּזָקָא. וַאֲפִילּוּ אִינּוּן, אִי יְעַכְּבוּ דִּיוּרֵיהוֹן בֵּיהּ, לָא יִפְקוּן בִּשְׁלָם.

[יא] בזוהר הק' (שם בהמשך): וּכְדֵין אָתֵי כַּהֲנָא, וְיִרְמוּן בֵּיתָא, וְיִנְתְּצוּן לֵיהּ אַבְנִין וְאָעִין וְכֹלָּא. כֵּיוָן דְּאִנְתְּצָן וְאִתְדַּכָּן כֹּלָּא מִתְבָּרְכָאן, כְּדֵין כְּתִיב (עקב ח, יב) וּבָתִּים טוֹבִים תִּבְנֶה וְיָשָׁבְתָּ. אִלֵּין אִקְרוּן טוֹבִים, דְּהָא קַדְמָאֵי לַאו אִינּוּן טוֹבִים, וְלַאו בִּכְלָלָא דִּקְדוּשָּׁה וְדַכְיוּ נִינְהוּ. ○ אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, אִי הָכִי בְּמַאי מוֹקְמִינָן קְרָא דִּכְתִיב וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב אֲשֶׁר לֹא מִלֵּאתָ. אִי רוּחַ מְסָאֲבָא שַׁרְיָא בְּגַוַּייְהוּ, הֵיךְ מְלֵאִים כָּל טוּב. אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, מְלֵאִים כָּל טוּב בְּמָמוֹנָא, בְּכַסְפָּא, וּבְדַהֲבָא, וּבְכֹלָּא. כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר (ויגש מה, כ) כִּי טוּב כָּל אֶרֶץ מִצְרַיִם, וְאָמַר רַבִּי יְהוּדָה וְהָא כָּל בָּתֵּי דְּמִצְרָאֵי מַלְיָין חַרְשִׁין וְטַעֲוָן הֲווֹ, אֶלָּא בְּגִין עוּתְרָא דְּאַרְעָא אִתְּמַר. אוּף הָכָא, בְּגִין עוּתְרָא וּמָמוֹנָא הוּא. ○ תְּרֵין עוּתְרִין נָטְלוּ יִשְׂרָאֵל, חַד כַּד נָפְקוּ מִגָּלוּתָא דְּמִצְרַיִם. וְחַד כַּד עָאלוּ לְאַרְעָא. רַבִּי שִׁמְעוֹן אָמַר, כָּל דָּא וַדַּאי הֲוָה לְאִתְקַדְּשָׁא אַרְעָא, וּלְאַעְבְּרָא רוּחַ מְסָאֲבָא מֵאַרְעָא, וּמִגּוֹ יִשְׂרָאֵל. וְכַד בֵּיתָא הֲוָה נָתִיץ, הֲוָה אִשְׁתְּכַּח בָּהּ מָמוֹנָא, לְמִבְנֵי לֵיהּ וּלְמַלְיָא בֵּיתֵיהּ, בְּגִין דְּלָא יִצְטַעֵר עַל בֵּיתָא, וְיִשְׁרוּן בְּדִיוּרָא דִּקְדוּשָּׁה.

KolSatmar.com

מא

ובזוהר מרכיב טעמו גם עם טעם מציאת המטמוניות, דבכדי שלא יהיה לישראל צער על נתיצת הבתים, לכן ממציא להם הקב"ה המטמוניות. [אבל על כל פנים לכאורה עדיין כל זה סתירה להטעם שאמרו שהנגעי בתים באים לכפר על החטא ולעורר אותם לתשובה]

[על כל פנים] **איז דאָס גאָר אַ דריטער טַעַם, גאָר אַן אַנדערער טַעַם, גאָרנישט די טַעֲמִים וואָס זיי שטייען, נישט אין די גמרא נישט אין מדרש, נישט 'דער' טַעַם** [בשביל המטמוניות].

**נאָר וואָס דען, דעס** [טעם פון] **'געלט' איז ער מְצָרֵף** [לטעמו], **ער זאָגט אַז** [בכדי] **מ'זאָל נישט האָבן קיין צַעַר פון דעם** [אַז] **מ'האָט צעוואָרפן דאָס הויז, איבערדעם טרעפט מען דאָרטן די מַטְמוֹנִיּוֹת, אַזוי זאָגט ער עפּעס אינאיינעם דעם טַעַם** [אויך].

מב

[והגם] **ס'איז לכאורה אַביסל שווער צוזאַמצופּאָרן** [ב' טעמים האלו, דאם כן] **איז דאָך נישט קיין רַאֲיָה** [מזה על ענין עבודה זרה, וכי] **פּונקט אין דעם הויז וואו ס'איז געווען מטמוניות איז געווען עבודה זרה.**

**ממה נפשך** [אם הטעם בשביל כך אין מוכרח גם טעם האחר, דלכאורה] **איז נישט קיין רַאֲיָה** [וסברא] **אַז** [בכל מקום] **וואו מ'האָט געדינט די עבודה זרה אַז ס'איז דאָ דערינען מַטְמוֹנִיּוֹת.**

[אָבער] **על כל פנים אַזוי זאָגט ער אַרויס.** [וגם בזה קשה דעל כל פנים לטעם הזוהר משמע דאין זה בשביל החטא, ובכדי לעוררן לתשובה, אלא בשביל טעם נשגב לגודל מעלתם של ישראל]. (והוא הוספה לקושיא יב).

מג

**קושיא טו**

ולפי הטעם שהוא על מציאת המטמוניות, יש להקשות עוד, דהלא כל ענין הנגעים ובפרט נגעי הבתים היה רק בדרך נס, שמחוץ לדרך הטבע, וכמבואר בדברי הרמב"ם והרמב"ן. ואם כן תמוה הדבר שיעשו נס מן השמים לסיבת מציאת 'ממון'. והלא הרבה דרכים למקום להשפיע ממון לישראל גם באופנים המלובשים בתוך הטבע, ולמה יעשו נס עבור זה. ואדרבה הלא מצינו בגמרא שאין ראוי ליהנות ממעשה נסים

[ובאמת] **די אַלע טַעֲמִים לכאורה ברויכן פְּשָׁט.**

**מילא** [בשלמא] **דעם טַעַם** [השני] **וועגן מוּסָר** [ניחא].

**טו) אָבער לעולם דעם טַעַם** [הראשון] **וועגן געלט איז דאָך שווער,** [שהרי] **ס'איז דאָך** [אין] **דער אֱמֶת נאָר אַ נֵס, אין אֱמֶת'ן אַריין.** [והוא תמוה דעבור ממון לחוד יעשו לזה נס מן השמים (וכדלהלן באות מז)].

מד

**אין רמב"ם און אין רמב"ן זעט מען** [אַזוי], **זיי זאָגן אַרויס אַזוי ווי 'דער' טַעַם, אויף תשובה צו טון.** [וגם הוסיפו לומר שזה היה 'בדרך נס'].

[ווי] **דער רמב"ם זאָגט אין סוף הלכות טומאת צרעת**[יב]**, אַז די נְגָעִים, די מַרְאוֹת אויף די הייזער דאָס איז נישט קיין דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, ס'איז נישט קיין שום טֶבַע ס'זאָל**

---

[יב] **ברמב"ם** (טומאת צרעת טז, י): **וזה השינוי האמור בבגדים ובבתים שקראתו תורה צרעת בשותפות השם, אינו ממנהגו של עולם, אלא אות וָפֶלֶא היה בישראל, כדי להזהירן מלשון הרע. ○ שהמספר בלשון הרע משתנות קירות ביתו, אם חזר בו יטהר הבית, אם עמד ברשעו עד שהותץ הבית, משתנין כלי העור שבביתו שהוא יושב ושוכב עליהן. אם חזר בו יטהרו, ואם עמד ברשעו עד שישרפו, משתנין הבגדים שעליו. אם חזר בו יטהרו, ואם**

KolSatmar.com

ווערן אַזעלעכע פלעקן אויף אַ הויז [או על בגד. נאָר] דאָס איז **אוֹת וָפֶלֶא בְּיִשְׂרָאֵל**, [וואָס דאָס] האָט דער בורא כל עולמים [געמאַכט] **כדי להזהיר את ישראל על לשון הרע**, מ׳זאָל מַזְהִיר זיין אויף לָשׁוֹן הָרָע. און [באם] **לֹא חָזַר** [בא נגע על בגדיו], – די מימרא׳ [דלעיל] ברענגט ער, – [און] אַזוי כסדר, ביז צו נִגְעֵי גוּפוֹ.

אַזוי זאָגט ער.

מה

און די זעלבע שטייט אין **רמב״ן**[יג], ביי [פרשת] נגעי בגדים.

זאָגט ער אַזוי, **בְּגָדִים** און הייזער איז נישט קיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, [נאָר] ס׳איז אַ נֵס, ס׳איז אַלעס נאָר בְּדֶרֶךְ נֵס.

[און] ער זאָגט, מ׳האָט עס נאָר געוויזן פאַר אידן, ווייל הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ [כביכול שוכן ביניהם], **די שְׁכִינָה איז שׁוֹרֶה בְּגוּפָם, וּבְבִגְדֵיהֶם, וּבְבָתֵּיהֶם**, [און] מֵהַאי טַעְמָא, אַז מ׳טוט עפּעס אַן עָוֹן, דערקענט זיך אַ סימן אַז השם יתברך סָר מִשָּׁם. איז דאָס נאָר פאַרדעם.

[און] איבערדעם האָט עס נאָר געקאָנט זיין אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּמְקוֹם הַקוֹדֶשׁ, און נאָר אחר כִּיבּוּשׁ וְחִילוּק, [ווען] יעדער האָט שוין מַכִּיר געווען אֶת שֶׁלוֹ, [ווייל דעמאָלטס] זענען זיי מָלֵא געווען [פון] **דַעַת מיט יִרְאַת ה׳, מיט יִרְאַת ה׳ איז געווען נִתְמַלֵא דַעְתָּם** געווען, מיט הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה, [ולכן] ׳נאָר דעמאָלטס׳ האָט עס געקאָנט פאַסירן, [אָבער] אַז נישט האָט דאָס נישט געקאָנט פאַסירן, [ווייל] דאָס איז אַ נֵס.

אַזוי זאָגט דער **רמב״ן** אויך, ביי [פרשת] נגעי בגדים.

מו

איז דאָס אַלץ וועגן אַן עָוֹן, און ס׳איז אַ נֵס, זאָגן זיי ביידע. [ולטעם זה שפיר מובן למה נעשה נס עבור זה (וכדלהלן באות נד)].

---

**עמד ברשעו עד שישרפו, משתנה עורו ויצטרע, ויהיה מובדל ומפורסם לבדו, עד שלא יתעסק בשיחת הרשעים** שהוא הליצנות ולשון הרע. ○ ועל עניין זה מזהיר בתורה ואומר הִשָּׁמֶר בְּנֶגַע הַצָּרַעַת, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה׳ אֱלֹהֶיךָ לְמִרְיָם בַּדָּרֶךְ. הרי הוא אומר, התבוננו מה אירע למרים הנביאה, שדיברה באחיה שהיתה גדולה ממנו בשנים וגידלתו על ברכיה וסכנה בעצמה להצילו מן הים, והיא לא דברה בגנותו אלא טעתה שהשוותו לשאר נביאים, והוא לא הקפיד על כל הדברים האלו וכו׳, ואע״פ כן מיד נענשה בצרעת. **קל וחומר לבני אדם הרשעים הטפשים, שמרבים לדבר גדולות ונפלאות.** ○ לפיכך ראוי למי שרוצה לכוין אורחותיו, להתרחק מישיבתן ומלדבר עמהן, כדי שלא יתפס אדם ברשת רשעים וסכלותם וכו׳.

[יג] **ברמב״ן** תזריע (יג, מז): **וְהַבֶּגֶד כִּי יִהְיֶה בוֹ נֶגַע צָרָעַת. זה איננו בטבע כלל, ולא הווה בעולם, וכן נגעי הבתים. אבל בהיות ישראל שְׁלֵמִים לה׳, יהיה רוח ה׳ עליהם תמיד, להעמיד גופם ובגדיהם ובתיהם במראה טוב, וכאשר יקרה באחד מהם חטא ועון, יתהוה כיעור בבשרו, או בבגדו, או בביתו, להראות כי השם סָר מעליו.** ולכך אמר הכתוב ׳וְנָתַתִּי׳ נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם, כי היא מכת השם בבית ההוא. ○ **והנה איננו נוהג אלא בארץ** שהיא נחלת ה׳, כמו שאמר (יד, לד) כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם לַאֲחֻזָּה, ואין הדבר מפני היותו חובת קרקע, אבל מפני שלא יבא הענין ההוא אלא בארץ הנבחרת, אשר השם הנכבד שוכן בתוכה. ○ ובתורת כהנים (פ״ה, ג) דרשו עוד, **שאין הבית מטמא אלא אחר כיבוש וחילוק, ושיהא כל אחד ואחד מכיר את שלו. והטעם, כי אז נתיישבה דעתם עליהם לדעת את ה׳, ותשרה שכינה בתוכם.** ○ וכן אני חושב בנגעי הבגדים, שלא ינהגו אלא בארץ. ולא הוצרך למעט מהן חוצה לארץ, כי לא יארעו שם לעולם. ומפני זה עוד אינם נוהגים אלא בבגדים לבנים, לא בצבועים, כי אולי הצבע הוציא הכיעור ההוא במקום ההוא כטבעו ולא אצבע אלקים היא, ולפיכך הצבועים בידי שמים מטמאין כדברי רבי שמעון (נגעים יא, ג). ○ ועל דרך הפשט, מפני זה יחזירו הכתוב בכל פסוק ופסוק ׳הבגד או העור או השתי והערב׳, כי הדבר נֵס. ולרבותינו בהם מדרשים, וכולם בתורת כהנים.

וכן כתב הרמב״ן בקצרה בפרשתן (יד, לד) לענין נגעי בתים, וז״ל: **אמר הכתוב בנגעי הבתים ׳וְנָתַתִּי׳ נֶגַע צָרַעַת, לרמוז כי יד ה׳ תעשה זאת, לא טבע כלל**, כמו שפירשתי (תזריע שם).

KolSatmar.com

מז

[ואמנם להטעם דהוא בשביל המטמוניות] **לכאורה איז נישט צו פאַרשטיין, וועגן געלט דאַרף מען ווייזן אַזאַ נֵס?** [והלא אדרבה] **מ׳טאָר גאָרנישט, אסור ליהנות ממעשה נסים**[יד]**.**
[וכי רק] **פאַר ׳געלט׳** [יעשו נס]?

מח

[והרי] **דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קען ׳שיקן געלט׳ מְלוּבָּשׁ אין די טֶבַע,** [אַז] **מ׳גיט אַ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה בְּכָל מַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם, מ׳זאָל פאַרדינען געלט עַד בְּלִי דָי,** [וכמאמר הכתוב (מלאכי ג, י)] **וַהֲרִיקֹתִי לָכֶם בְּרָכָה עַד בְּלִי דָי,** [באופן וואָס] **ס׳איז מְלוּבָּשׁ אין די טֶבַע.**
**מ׳דאַרף נישט טון קיין נִסִּים** [דערצו].

מט

[ואדרבה] **פון נִסִּים האָט מען גאָרנישט** [נהנה געווען, וכמו שמצינו בחכמי הש״ס דבאופן] **אַז ס׳איז געווען אַ זאַך וואָס ס׳איז געקומען מיט נִסִּים, האָבן זיי נישט געוואָלט נֶהֱנֶה זיין,** [ווי] **מ׳טרעפט אין די גמרא**[יד] **כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת**[טו]**.**
[ואם כן] **וואָס האָט מען געדאַרפט טון נִסִּים אויף דעם, כדי מ׳זאָל טרעפן זייערע מטמוניות׳ער.**
**דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט גענוג געלט פון ערגעץ אַנדערש, ער האָט געקאָנט געבן** [פון] **די גאַנצע וועלט.** (ישוב קושיא טו, יודפס אי״ה בחלק ג׳ של הקונטרס)

נ

**קושיא טז**

גם לטעם הזוהר דהוא בשביל שהכנענים בנו בתיהם לשם עבודה זרה, יש להקשות דאם כן כל הבתים שמצאו בארץ ישראל קיימא בהו חשש זה, דהלא מסתמא כל בתיהם בנו האומות כך. וכמו שבזוהר עצמו דקדק לפי דבריו על הפסוק וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב, ומפרש לה דקאי רק על הכסף וזהב שמצאו בהבתים

**טז)** [וגם] **לטעם השלישי שבזוהר,** [דהוא] **וועגן עבודה זרה** [און] **וועגן די הייזער וואָס זענען נישט געבויעט בִּקְדוּשָּׁה,** [ראוי להבין דאם כן] **לכאורה זענען דאָך אַלע** [הייזער

---

[יד] **בגמרא תענית** (כד:)**: אמר רב מרי ברה דבת שמואל, אנא הוה קאימנא אגודא דנהר פפא** [פירש״י: ההוא יומא דעבד רב יהודה הכי (כדלעיל שם)]**, חזאי למלאכי דאידמו למלחי, דקא מייתי חלא** [חול] **ומלונהו לארבי, והוה קמחא דסמידא** [סולת, והן עצמן מוכרין אותו]**. אתו כולי עלמא למיזבן, אמר להו מהא לא תיזבנון, דמעשה נסים הוא** [וכמה דאפשר להתרחק ממעשה נסים, יותר טוב ונכון]**. למחר אתיין ארבי דחיטי דפרזינא** [מקום]**.**
**ועוד שם** (כד.)**: אלעזר איש בירתא, כד הוו חזו ליה גבאי צדקה הוו טשו מיניה** [פירש״י: היו מתחבאים מפניו]**, דכל מאי דהוה גביה יהיב להו. יומא חד הוה סליק לשוקא למיזבן נדוניא לברתיה, חזיוהו גבאי צדקה טשו מיניה, אזל ורהט בתרייהו אמר להו אשבעתיכו במאי עסקיתו, אמרו ליה ביתום ויתומה** [לזווג זה לזו]**, אמר להן העבודה** [שבועה] **שהן קודמין לבתי, שקל כל דהוה בהדיה ויהב להו. פש ליה חד זוזא, זבן ליה חיטי ואסיק שדייה באכלבא** [אוצר של חטים]**, אתאי דביתהו אמרה לה לברתיה מאי אייתי אבוך, אמרה לה כל מה דאייתי באכלבא שדיתיה, אתיא למיפתח בבא דאכלבא, חזת אכלבא דמליא חיטי, וקא נפקא בצינורא דדשא ולא מיפתח בבא מחיטי, אזלא ברתיה לבי מדרשא אמרה ליה בא וראה מה עשה לך אוהבך** [הקדוש ברוך הוא]**, אמר לה העבודה הרי הן הקדש עליך, ואין לך בהן אלא כאחד מעניי ישראל** [משום דמעשה נסים הוא, ואסור לאדם להנות ממעשה נסים, כדאמר לעיל (כ:) ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו]**.**
**ועיין עוד עובדא בגמרא בבא מציעא** (קיד:)**. ועיין גם בלשון רש״י המובא להלן בסוף הערה לה.**

[טו] **ועיין בתורת משה השלם להחת״ס** (פ׳ לך, עה״פ הרימותי)**: והנה מצינו במס׳ תענית דף כ״ד ע״א וע״ב, שלא להנות ממעשי ניסים, וכמה דאפשר להתרחק יותר טוב. וכעין זה מצינו כמה פעמים בש״ס, שלא רצו אבותינו ליהנות ממעשי ניסים. וזה שייך בנס שלא על ידי דרכי טבע, אבל נס שנעשה על ידי דרכי הטבע, כמו כמה פעמים שנצחו המועטים את המרובים, והוא ג״כ בנס, אך על ידי מעשה טבעי, מותר ליהנות, כמו שכתב הרמב״ן ז״ל** (סוף בא, וריש בחקותי) **שכל עיקר עמידתינו ומזונותינו וצרכינו עד היום, הוא בסיבוב המערכה** [בדרך נסים] **בדרכי הטבע.**

געוועןֹ] אַזוי, העט דאָך געדאַרפט צו זיין 'אַלעס' [מיט] בלויז נְגָעִים, [און] ס'זעט דאָך נישט אויס [אַזוי, שכל הבתים היו בהם נגעים].

ס'איז דאָך אַלע [הייזער] אַזוי [שכולם נבנו על ידי הכנעניים עובדי ע"ז].

[ווי] ער פרעגט דאָך אַליין[טז] [בזוהר, על לשון הכתוב] וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב, [דהאיך אפשר לומר כן אויף] אַזעלעכע הייזער. נאָר [שמתרץ כי] ער מיינט נאָר אַז ס'איז געוועןֹ כֶּסֶף וְזָהָב [שהיו מונח בתוך הבתים]. אָבער די הייזער אַליין האָבן 'נישט געטויגט' [לפי ששרה עליהם רוח טומאה על ידי כוונת הבונים. ולכן אי אפשר לפרש לשון הכתוב על הבתים עצמן].

נא

ולי נראה לדייק עוד מהפסוק וּבָתִּים טֹבִים 'תִּבְנֶה' וְיָשָׁבְתָּ, שבני ישראל הוצרכו לבנות מעצמם את בתיהם, וזה עולה יפה לדברי הזוהר

[ובאמת] ס'זעט מיר אויס אַזוי פון אַנדערן [פסוק][יז] אין פרשת עקב (ח, יב) שטייט טאַקע וּבָתִּים טֹבִים 'תִּבְנֶה' וְיָשָׁבְתָּ, אַז מ'האָט 'געבויעט' בָּתִּים טוֹבִים [דורך אידן].

[ועל כל פנים] נאָר דעס זעט אויס [בזוהר, אַז] זייערע הייזער [של הכנעניים] דאָס קאָן נישט זיין גוט. נאָר וואָס'זשע דען, [כוונת הפסוק ובתים מלאים כל טוב, קאי אויף] דאָס כֶּסֶף וְזָהָב וואָס מ'האָט אַרויסגענומען פון די הייזער.

מילא האב איך געקלערט, [הגם] ווי קאָן מען וויסן, [אמנם אולי] אין הכי נמי [שסתרו כל בתי הגוים ולא השתמשו בהם].

נב

אבל לפי זה צריך ביאור דלמה הוצרכו עבור זה לנגע בבית, בכדי שיבואו לנתוץ את הבתים. והלא גם בזולת הנגע שייך לצוות לסתור כל בתי הכנענים ולבנות מחדש בעצמם. או שהצדיקים וקדושים שבהם ירגישו ברוח קדשם איזה מהבתים ראוי לסותרם, ולמה הוצרכו שיעשו עבור זה נגעי הבתים שהוא בדרך 'נס' מן השמים

אָבער [לפי זה יוקשה דאם כן למה הוצרכו לנס דנגעי בתים בשביל טעם הזוהר].

קודם האָט דאָך דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַסאַך דְּרָכִים [לזה, גם שלא בדרך נס].

[וגם] מ'האָט דאָך לוּחֵם געוועןֹ מיט זיי, [און] ס'שטייט (ואתחנן ז, ה) מִזְבְּחֹתֵיהֶם תִּתֹּצוּ וּמַצֵּבֹתָם תְּשַׁבֵּרוּ, מ'האָט עס געקאָנט צושטויסן אַזוי אויכעט [על ידי ישראל].

[ועכ"פ גם מן השמים יתכן] ס'האָט געקאָנט מיטן 'דֶּרֶךְ הַטֶּבַע' [חרוב ווערן, וכגון] מיט אַ רוּחַ סְעָרָה, אַזוינס וואָס ס'קען פאָרקומען אויף די וועלט [גם בטבע], מ'הערט אַמאָל פון אַ רוּחַ שֶׁאֵינָהּ מְצוּיָה, אָדער כדומה, מיט אַ רַעַם [וּזְוָעוֹת] אָדער כדומה וכדומה קאָן זיין פאַרשידענע דְּרָכִים, אַז דער בורא כל עולמים האָט געוואָלט מ'זאָל ציוואַרפן די הייזער.

נג

און דערנאָך, [הלא] זיי זענען געוועןֹ צַדִּיקִים וּקְדוֹשִׁים[יח], האָבן זיי דען נישט געזען דאָס מָקוֹם און זיי האָבן מַרְגִּישׁ געוועןֹ אַזוי אויכעט, און מ'האָט געקאָנט 'אַזוי' צושטויסן די הייזער.

[ואם כן] וואָס האָט מען געדאַרפט האָבן צו ווייזן נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, מיט אַ נֵס, מ'האָט געברויכט צו ווייזן אַזאָלעכע סִימָנִים [של נגעי בתים].

---

[טז] בזוהר הק', וכמו שהזכיר רבינו זה לעיל באות מ.

[יז] המובא גם כן שם בזוהר דלעיל, עיי"ש.

[יח] וכמבואר ברשב"ם בבא בתרא (קיז.) בשם הספרי, דדור באי הארץ היו כולם כשרים וקדושים.

KolSatmar.com

ס'איז דאָך אינגאַנצן אַ פֶּלֶא[יט].

נד

ובשלמא להטעם שאמרו דהוא כדי להזהירם לשוב בתשובה ניחא מה שהוצרכו 'לנס' עבור זה, דכמה נסים מצינו נעשו כדי לעורר את ישראל לתשובה. וכפי הנראה שטעם זה הוא העיקר לפי פשוטו, וכן מצינו ברמב"ם שהעתיק רק טעם זה

נאָר [לטעם הראשון שבמדרש, דנגעי הבתים באים] אויף לְהַזְהִיר אֶת הָעָם, אויף מוּסָר, [לטעם זה שפיר ניחא, דעבור כך] האָט מען געטון נִסִּים אויכעט.

זעט אויס לכאורה [שזהו עיקר הטעם].

און עקסטערדעם מ'זעט דאָך אַז דער רמב"ם[כ] ברענגט נישט קיין אַנדערן טַעַם, נאָר דאָס.

נה

**ישוב קושיא יב**

ובענין הסתירה שבין הטעמים, יש ליישב דבאמת אין זה קושיא, דהרי גם בשאר כל המצות יש בזה טעמים הרבה שהם שונים זה מזה. ואם כן גם בנגע יש לומר דהיו כמה טעמים. וגם יתכן שלפעמים היה שייך טעם זה, ולפעמים טעם אחר

[ובאמת יש לומר דמה שמצינו בזה טעמים שונים, זה לא קשה כל כך, דהרי] על כל פנים מילא ס'איז דאָך אַלעס אֱמֶת וואָס חכמינו ז"ל זאָגן, [און] ס'קאָן זיין מִקְרָא אֶחָד יוֹצֵא לְכַמָּה טַעֲמִים, און קיין 'סְתִירָה' קאָן מען נישט זאָגן [אַז] ס'איז, ווי די גמרא זאָגט[כ] מִקְרָא אֶחָד יוֹצֵא לְכַמָּה טַעֲמִים.

יעדע זאַך, יעדע אַזְהָרָה אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, האָט דאָך 'אָן אַ שיעור' טַעֲמִים, און זיי זענען אַלע אֱמֶת.

נו

דער מלא הרועים זאָגט[כא], כאָטשיג איך זאָג [להלכה כשיטת רבי יהודה אַז] לֹא דָּרְשִׁינָן

---

[יט] אולם בהמשך אריכות הדרוש, לא חזר רבינו לבאר כל כך היאך יתיישב גם קושיא טז. ויש לעיין עוד בזה לפי ענין הדרוש. ואולי בדברי רבינו דלהלן באות נח, כוונתו ליישב גם קושיא זו. וכן יש לומר קצת בכוונת דברי רבינו כאן בסמוך באות נד.

[כ] **בגמרא סנהדרין** (לד.): דאמר קרא (תהלים סב, יב) אַחַת דִּבֶּר אֱלֹקִים שְׁתַּיִם זוּ שָׁמָעְתִּי כִּי עֹז לֵאלֹקִים, **מקרא אחד יוצא לכמה טעמים**, ואין טעם אחד יוצא מכמה מקראות. דבי רבי ישמעאל תנא, **וּכְפַטִּישׁ יְפֹצֵץ סָלַע** (ירמי' כג, כט), **מה פטיש זה מתחלק לכמה ניצוצות, אף מקרא אחד יוצא לכמה טעמים.**

[כא] **במלא הרועים** (ח"ב בערך אות ט', מערכת טעמא דקרא, אות ט): **להרבות על משמעות הכתוב, נוכל לדרוש טעמא דקרא**, כך נלענ"ד מסברא. ואבאר לך הדמיון, כגון שהתורה הזהירה (דברים יז, י) שלא להרבות נשים למלך, **הנה דרשינן טעמא דקרא** דהטעם שלא יסירו לבו, **ומחמת זה הטעם נוכל להוסיף** שאפילו אחת והיא מסירה אסורה לו (סנהדרין כא.). **אמנם לא נוכל לגרע** ולומר דאפילו הִרְבָּה ואין מסירות, **דלא דרשינן טעמא דקרא אלא להוסיף** [חומרא]. והנה אף שהסברא מכרעת לזה, דהא ידעינן ודאי דטעם הכתוב בשביל ההסרה, אם כן הַקְּפֵידַת תורה הוא בשביל ההסרה, אם כן אף כשאינו מרבה, אם מסירות, הרי הוא עובר על הקפידא שהוא התכלית והטעם של זאת המצוה, אף שאינו עובר על חומר המצוה, שהוא הריבוי, מ"מ עובר על האיכות והתכלית של המצוה, שהוא ההסרה. אמנם כשמרבה, אף שאינן מסירות, אף שאינו עובר על איכות ותכלית המצוה, מ"מ עובר על חומר המצוה ופשוטה, שהוא ענין הריבוי. ○ **ועוד דבאמת אם אנו דורשין טעם המקרא, אין אנו אומרים שהתורה לא כוונה רק לטעם זה**, כי אֶת מִי נוֹעָץ וַיְבִינֵהוּ (ישעי' מ, יד), וּמִי עָמַד בְּסוֹד ה' (ירמי' כג, יח), **הלא דבריו כָּאֵשׁ וּכְפַטִּישׁ יְפֹצֵץ סָלַע** (שם, כט), **מקרא אחד מתחלק לכמה טעמים. רק דאנו אומרים דזהו גם כן טעם אחד מהרבה טעמים של המקרא**, כיון שהדעת נוטה ומחייב טעם זה. **ואם כן בזה יש לנו כח 'להרבות'** [חומרא] **ולומר** דאפילו אחת ומסירה, דודאי טעם המקרא הוא בשביל טעם זה גם כן. **אבל לא נוכל 'לגרע' דבאינה מסירה מותר להרבות**, דמנא לן דהטעם הוא רק בשביל ההסרה, **דלמא יש עוד טעמים לאיסור דריבוי. והוא ברור לכל משכיל.** ○ ומעתה אבאר לך שתהלה לָקֵל כוונתי אל האמת, כי דברי רז"ל בענין זה המה מוקשים מאד ולא

**טַעֲמָא דִקְרָא**[כב], [דאָס] **איז נאָר אויף מֵקִיל צו זיין** [לדינא, לפי הטעמא דקרא], **אָבער** [אַז] **איך זאָל מוֹסִיף זיין** [לחומרא, שפיר אמרינן טעמא לקרא][כג].

**וואָרן מ׳זאָגט נישט אַז ס׳איז נישט אֱמֶת** [הטעם דדרשינן לקרא, אלא אמרינן כי] **דער טַעַם איז אֱמֶת, נאָר** [וויבאַלד] **ס׳איז אָבער דאָ ׳נאָך׳ טַעֲמִים, איבערדעם קען מען נישט מַתִּיר זיין** [באופן שלא שייך הך טעמא דדרשינן]. **אָבער אף על פי כן אָבער לְחוּמְרָא** [שפיר דרשינן טעמא דקרא, ווייל] **׳דער׳ טַעַם** [דדרשינן בה] **איז אַמאָל**[כד] **אֱמֶת.**

[ואם כן שפיר יש לומר גם בענין הנגעים, דלעולם] **אַלעס קאָן זיין,** [און] **הָא וְהָא אִיתְנַיְהוּ.** [דיש בביאת הנגע כל אלו הטעמים שהזכירו חכז״ל].

נז

**אין זוהר הקדוש**[כה] **זעט אויס אַביסל, אַז ס׳איז דאָ צוויי ערליי נְגָעִים. ס׳האָט געקאָנט אַמאָל קומען וועגן ׳דעם׳, און** [לפעמים] **וועגן ׳דעם׳, ס׳איז אויך פאַרהאַנדן.**

**אָבער** [בדרך] **פשוט קען מען זאָגן,** [אַז] **אַלע טַעֲמִים זענען אֱמֶת** [וגם בנגע אחד שייך בו כמה טעמים, וכמו בכל המצות שיש בהם כמה טעמים, ואין בזה סתירה]. (ומיושב קושיא יב)[כו].

נח

**הקדמה לקושיא יז**

בגמרא איכא מאן דאמר כי בית המנוגע לא היה ולא עתיד להיות, וכן אמרו לענין בן סורר ומורה, וכן לענין עיר הנדחת. והטעם דבכל אחד מהם איכא כמאן דאמר דיש בזה פרטי דינים שלא שייכים שיארעו במציאות. [אלא דלהלכה לא קיימא לן כאותם מאן דאומרים בפרטי הדינים, ולכן לדידן שפיר היה אפשר להיות זה]

**נאָר איין קַשְׁיָא איז מיר דאָ** [נאָך] **שווער, אויף די אַלע טַעֲמִים.**

---

יתפרשו כי אם על פי הקדמה שביארנו. דהנה **בסנהדרין** איפלגי רבי יהודה ורבי שמעון בדף כ״א וכו׳ [וכאן האריך טובא לבאר פלוגתת רבי יהודה ורבי שמעון שם בגמרא, על פי יסוד זה, ומסיים שם וז״ל] הנה נתבאר עם כל זה סברתי הנ״ל, דהיא מוכרחת בודאי אליבא דרבי יהודה, ואם לא כן לא נמצא ידינו ורגלינו בבית המדרש לפרש טעמא דרבי יהודה.

[כב] דנחלקו בזה התנאים **בגמרא בבא מציעא** (קטו:) **וסנהדרין** (כא.), דרבי שמעון סובר דרשינן טעמא דקרא אף באופן שהדין משתנה לפי זה, אבל אנן נקטינן כרבי יהודה דסובר דלא דרשינן טעמא דקרא לענין דינא.

[כג] **ועיין בשו״ת דברי יואל** (סימן קט, אות ב) **שהביא כן גם בשם החתם סופר.** וז״ל רבינו שם: **דהנה החתם סופר** (בשו״ת) **יו״ד סימן רנ״ד כתב שם באמצע התשובה, דאנן קיימא לן כרבי יהודה דלא דריש טעמא דקרא להקל עליה, ופשוט דלעולם ניחוש לטעמא להחמיר, אפילו לרבי יהודה, רק היכא שעל ידי הטעם נבוא להקל לא דרשינן טעמא**, ואם כן לחייב נדרוש הטעם, יעיי״ש. והנה כתב זה לדבר פשוט. וכן כתב (בחתם סופר שם) **בסימן ק״ד** לענין סחורה בדברים אסורים, שלמדו (פסחים כג.) מלשון לֹא יֵאָכֵל (שמיני יא, מא), שאין האיסור אלא במילי דאכילה, שהוא מטעם דילמא אתי למיכל מיניה, ומחלק שם בין קולא לחומרא, **דלקולא לא אהני לן הטעם, אבל מהני הטעם להחמיר,** כל היכא ששייך ביה אותו הטעם, יעיי״ש. **והרבה פוסקים גדולים החזיקו בסברא זו.** ○ **ובמלוא הרועים** ח״ב מערכת טעמא דקרא אות ט׳ כתב שם, **דלהרבות על משמעות הכתוב נוכל לדרוש טעמא דקרא,** והאריך בזה טובא, וכתב באמצע דבריו בהסבר, דבאמת אם אנו דורשין טעם המקרא אין אנו אומרים שהתורה לא כוונה אלא לטעם זה וכו׳, רק דאנו אומרים דזהו ג״כ טעם אחד מהרבה טעמים של המקרא, **דאף דלא דרשינן טעמא דקרא להקל, אינו משום דמספקינן שמא זה הטעם אינו אמת, רק דילמא יש עוד טעם,** יעיי״ש שהאריך טובא. ועכ״פ מובן הדבר בפשיטות, מה שכתבו לחלק בענין הטעמים בין להקל או להחמיר. אלא **שבמלוא הרועים** הוסיף עוד, דאף להרבות על משמעות הקרא מהני הטעם. ומכל שכן מה שנכלל גם במשמעות הקרא, שאין להקל היכא דאית ביה הך טעמא. ○ **והרא״ה כתב בספר החינוך, דהעיקר בכל טעמי המצות הוא מה שאמרו חכמי האמת, אבל גם הטעמים הפשוטים המה אמת. וזה מתאים למה שכתבו הפוסקים הנזכ״ל.** [ועיין ענין זה גם **בהקדמת דרך פקודיך** (הקדמה ט, ובהקדמה ד אות א)].

[כד] פירוש: בכל אופן.

[כה] כן נראה מדברי הזוהר דלעיל, דמתחיל בטעם מטמוניות, וממשיך בטעם הפנימי, ובכמה מקומות מזכיר שהוא בא על החטא. ועיין עוד **בזוהר הק׳** פרשת תזריע (דף מו ואילך) שיש כמה מיני נגעים.

[כו] ואולי הוא גם קצת ישוב לקושיא טז (וכמו שהערנו לעיל).

[דהנה] **אין די גמרא איז אַ פלוגתא, די גמרא אין סנהדרין דף ע״א**[כז], [אויף] **בַּיִת הַמְנוּגָּע, איז דאָ** [אין] **אַ ברייתא, אַ מַאן דְּאָמַר וואָס ער זאָגט, בַּיִת הַמְנוּגָּע לא היה ולא עתיד להיות, ס׳איז נישט געווען און ס׳וועט נישט זיין.**

**ס׳איז פונקט אַזוי** [ביי] **די דריי זאַכן זאָגט די גמרא, אויף בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, און אויף עִיר הַנִּדַּחַת, און אויף דעם** [על נגעי בתים]. **איז דאָ אַזאַ מימרא, אַזאַ שיטה** [דלא היה ולא יהיה].

נט

[והגם] **מ׳פַּסְקְ׳נט נישט אַזוי לַהֲלָכָה**[כח]**, ניטאַמאָל ביי איינעם פון די**[כט] [דריי].

– **די גמרא זאָגט פאַרוואָס** [אי אפשר לדעתו שיהיה כן]**, פאַר אַלעם זאָגט די גמרא טעמים פאַרוואָס,** [ובכולם לא פסקינן כוותיה]. –

**אָבער על כל פנים** [איז דאָ] **דער מַאן דְּאָמַר וואָס ער לערנט אַזוי** [שלא היה ולא יהיה].

ס

**דער ערשטער מַאן דְּאָמַר** [אצל בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה] **איז כמאן כרבי יהודה,** [ווייל] **רבי יהודה זאָגט אַז ביי בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה מוז זיין** [אֵינֶנּוּ] **שֹׁמֵעַ בְּקוֹל אָבִיו וּבְקוֹל אִמּוֹ,** [ודריש כי] **ס׳מוז זיין בקולם איניג, זיי מוזן זיין איניג אביו ואמו, איך בין מרבה** [אויף] **בְּקוֹל אַז זיי מוזן זיין איניג, און דאָס איז נישט פאַרהאַנדן** [במציאות שיהיו קול שניהם שוים, און] **ממילא קען עס נישט זיין.**

**נאָר וואָס דען** [למה נאמרה הפרשה, משום] **דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר.**

---

[כז] דאיתא במשנה סנהדרין (עא.): **רבי יהודה אומר, אם לא היתה אמו ראויה לאביו, אינו נעשה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה.**

ועל זה אמרו בגמרא שם: **מאי אינה ראויה וכו׳, בשוה לאביו קאמר. תניא נמי הכי, רבי יהודה אומר אם לא היתה אמו שוה לאביו בקול ובמראה ובקומה, אינו נעשה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה. מאי טעמא, דאמר קרא** (תצא כא, כ) **אֵינֶנּוּ שֹׁמֵעַ בְּקֹלֵנוּ** [פירש״י: חד קול משמע, מדלא כתוב בקולותינו, או בקולינו ביו״ד]**, מדקול בעינן שוין, מראה וקומה נמי בעינן שוין. ○ כמאן אזלא הא דתניא בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה לא היה ולא עתיד להיות, ולמה נכתב, דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר. כמאן כרבי יהודה. איבעית אימא רבי שמעון היא, דתניא אמר רבי שמעון וכי מפני שאכל זה תרטימר בשר ושתה חצי לוג יין האיטלקי אביו ואמו מוציאין אותו לסקלו, אלא לא היה ולא עתיד להיות, ולמה נכתב, דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר. אמר רבי יונתן, אני ראיתיו, וישבתי על קברו. ○ כמאן אזלא הא דתניא עִיר הַנִּדַּחַת לא היתה ולא עתידה להיות, ולמה נכתבה, דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר. כמאן כרבי אליעזר, דתניא רבי אליעזר אומר כל עיר שיש בה אפילו מזוזה אחת אינה נעשית עִיר הַנִּדַּחַת** [וכל שכן אחד מן החומשין, או ספר מכל הנביאים, שאזכרת השם כתובה שם, ולא קרינא ביה אֶת כָּל שְׁלָלָהּ וְשָׂרַפְתָּ]**. מאי טעמא, אמר קרא** (ראה יג, יז) **וְאֶת כָּל שְׁלָלָהּ תִּקְבֹּץ אֶל תּוֹךְ רְחֹבָהּ וְשָׂרַפְתָּ בָאֵשׁ, וכיון דאי איכא מזוזה לא אפשר, דכתיב** (שם יב, ד) **לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לַה׳ אֱלֹקֵיכֶם** [בתר וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם כתיב]**. אמר רבי יונתן, אני ראיתיה וישבתי על תִּילָהּ. ○ כמאן אזלא הא דתניא בַּיִת הַמְנוּגָּע לא היה ולא עתיד להיות, ולמה נכתב, דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר. כמאן כרבי אלעזר ברבי שמעון, דתנן רבי אלעזר ברבי שמעון אומר לעולם אין הבית טמא עד שיראה כשתי גריסין על שתי אבנים** [גריס זה שיעור נגעים, ושתי גריסין על שתי אבנים דכתיב וְחִלְּצוּ אֶת הָאֲבָנִים, תרתי משמע, ובכל אחת שיעור נגע] **בשתי כתלים, בקרן זוית** [ואותן שתי אבנים יהיו בקרן זוית, אחד בכותל זה ואחד בכותל זה, והנגע משוך בשתיהן] **ארכו כשני גריסין ורחבו כגריס** [שיהא בכל אבן כגריס על גריס]**. מאי טעמא דרבי אלעזר ברבי שמעון** [דבעי קרן זוית]**, כתיב קִיר** [וּמַרְאֵיהֶן שָׁפָל מִן ׳הַקִּיר׳ (בפרשתן יד, לז)]**, וכתיב קִירוֹת** (שם, לז לט)**, איזהו קיר שהוא כקירות, הוי אומר זה קרן זוית. ○ תניא, אמר רבי אלעזר ברבי צדוק, מקום היה בתחום עזה, והיו קורין אותו חורבתא סְגִירְתָּא** [חורבה מצורע, מְצוֹרַעַת מתרגמינן סְגִירְתָּא (תרגום יונתן שמות ד, ו), שֶׁנּוּתַּץ משם בַּיִת הַמְנוּגָּע]**. אמר רבי שמעון איש כפר עכו, פעם אחת הלכתי לגליל, וראיתי מקום שמציינין אותו** [שלא יאהילו עליו, דאבן מנוגעת מטמא באהל, דמצורע הוקש למת, אַל נָא תְהִי כַּמֵּת (בהעלותך יב, יב)]**, ואמרו אֲבָנִים מְנוּגָּעוֹת פִּינוּ לְשָׁם.**

[כח] כאותן הדינים שעבורו אמרו בגמרא להך מאן דאמר דאי אפשר להיות כן [וכדהובא זה עוד גם להלן בדברי רבינו לענין כל הג׳ ענינים].

[כט] **כמבואר ברמב״ם בהל׳ טומאת צרעת** (יד, ז) **לענין בית המנוגע, ובהל׳ ממרים** (ז, י) **לענין בן סורר ומורה, ובהל׳ עבודה זרה** (ד, טו) **לענין עיר הנדחת.**

KolSatmar.com

סא

[און ביי] עִיר הַנִּדַּחַת זאָגט אויך די גמרא איז דאָ אַ מַאן דְּאָמַר, **כְּמַאן כרבי אליעזר,** [ווייל] **רבי אליעזר** לערנט [אַז] אַ עִיר וואָס ס׳איז דאָ **איין מְזוּזָה,** קען שוין נישט זיין קיין עִיר הַנִּדַּחַת. און דאָס איז נישט פאַרהאַנדן [שיהיה עיר ישראל כזה], ס׳איז נישט פאָרגעקומען קיינמאָל.

סב

הוספת ביאור בדעת המאן דאמר דלא היה ולא עתיד להיות,
אמאי לא היה אפשר להיות כן בכל אלו הג׳ ענינים

הגם מ׳קאָן דאָך נישט זאָגן [אַז] ס׳איז **נישט מעגליך** [׳במציאות׳]. (וכדלהלן באות סד-סה).

סג

מילא ׳דעס׳ [בבן סורר ומורה] קאָן מען זאָגן ס׳איז נישט מעגליך [במציאות].

[און ווי] דער **תוספות ישנים** זאָגט אין **יומא**[ל], [אַז] מ׳דרינגט זיך אויף פון דאַנעט אַז ס׳איז נישט מעגליך [בטבע העולם, אַז] **צוויי מענטשן זאָלן זיין גראָד** [די זעלבע מש].

[ולפי זה] פרעגט ער די קַשְׁיָא [אויף די] שְׁנֵי שְׂעִירִים [של יום הכיפורים, דאיתא שם במשנה] אין יומא ביי די שְׁנֵי שְׂעִירִים, [אַז] זיי מוזן זיין שָׁוִין [זה לזה] בְּמַרְאֶה וּבְקוֹמָה. פרעגט ער אַ קַשְׁיָא, [והלא] ס׳איז דאָך נישט מעגליך, וואָרן ער זאָגט דאָך מהאי טעמא [אַז] בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה איז לא היה ולא עתיד להיות.

זאָגט ער [לתרץ, אַז] ס׳איז אַ חִילוּק [בין בני אדם לבהמה, ווייל] אפשר [ביי] אַ בְּהֵמָה [איז] יאָ [שייך, שיהיו שני בהמות כמעט דומים ושוים זה לזה].

און דערנאָך, ס׳מוז נישט זיין ׳פונקטליך׳ [דמיון השני שעירים לגמרי]. מ׳מיינט נאָר אַזוי ׳בְּדֶרֶךְ כְּלָל׳ [יהיו שוים זה לזה], **כאָטשיג ס׳איז דאָ אַ ׳חִילוּק דַק׳**[לא].

דער **תוספות ישנים** פלאָגט זיך דאָרט [דערויף].

[אָבער] על כל פנים זעט דאָך אויס אַז ס׳איז נישט מעגליך [במציאות, ביי] **אַ בן סורר [ומורה].**

סד

און ווידעראום [אָבער] **ביי אַ עִיר הַנִּדַּחַת,** קען מען דען זאָגן ס׳איז **נישט מעגליך** [מצד המציאות. אלא צריך לומר דהכוונה כי] ס׳איז נישט געווען [למעשה, אף שהיה ׳אפשר׳ להיות], ס׳איז נישט **פאָרגעקומען,** [ווייל] ס׳איז נישט שְׁכִיחַ [במציאות].

[אָבער] מ׳קאָן דאָך נישט זאָגן אַז ס׳איז **נישט ׳מעגליך׳** [ממש, שהרי] ס׳קאָן דאָך זיין [אַז] אַ שטאָט ווערט לא עלינו אַז ס׳ווערט פאַרדאָרבן, און ס׳איז נישטאָ ניטאַמאָל איין מְזוּזָה.

בעונינו הרבים ס׳איז דאָ כמה שטעט אַזעלעכע היינט אין די וועלט, וואָס ס׳וואוינען אַסאַך אידן, און ס׳איז נישטאָ **ניטאַמאָל איין מְזוּזָה,** [ווייל] ס׳איז דאָ בעונינו הרבים [דער] שִׁכְחַת הַתּוֹרָה.

---

[ל] דאיתא במשנה יומא (סב.): שני שעירי יום הכפורים מצותן שיהו שניהן שוין במראה ובקומה.

ועל זה כתב שם **בתוספות ישנים** (הנדפס בגליון הגמרא): **ואף על גב דאמר בפרק בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה** (סנהדרין שם) **דבן סורר ומורה לא היה ולא עתיד להיות, משום דבעינן שהיו אביו ואמו שוין במראה ובקומה, וזה אי אפשר להיות. אבל גבי בהמה מיהא יכול להיות יותר. ואע״פ שאין ממש דומות זו לזו, דאמרינן בירושלמי** (סנהדרין סוף פרק ד) **דאפילו חטה אינו דומה לחבירתה, מכל מקום בעינן שיהו שוין במראה ובקומה כל מה שיוכלו.**

[לא] ועיין בזה גם בפי׳ מהר״י קורקוס על הרמב״ם (עבודת יוהכ״פ ה, יד)

KolSatmar.com

נאָר וואָס דען, די גמרא זאָגט אַז ס׳איז נישט געווען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל [ובזמן הסנהדרין, ווייל] מ׳ווייסט אַז ס׳איז נישט געווען [ושלא יהיה כן, שרוב העיר יודחו לעבודה זרה]. אַזוי זעט אויס [דער פְּשַׁט].

סה

און ווידערהום [ביי] בֵּית הַמְנוּגָע איז אויך אַ פלוגתא אין די משנה[לב], דריי מאן דאומרים, רבי ישמעאל, מיט רבי עקיבא, און רבי אלעזר ברבי שמעון, ווי גרויס ס׳ברויך צו זיין [דער נגע הבית], ווי גרויס און וויפיל [אבנים] ס׳ברויך צו זיין.

ער זאָגט [דצריך שתהיה כשיעור] צוויי גְרִיסִין אויף צוויי אֲבָנִים, און אין אַ ווינקל [שבבית], - רבי אלעזר ברבי שמעון זאָגט [אַזוי], - ס׳מוז זיין שְׁנֵי גְּרִיסִין [באורך] און ברייט אַ גְרִיס, און אויף צוויי ברעטער[לג], און ס׳זאָל אויסזען ווי איינס, [דהיינו] ס׳מוז זיין אין אַ ווינקל׳דיג הויז[לד].

[און אויף דעם] זאָגט די גמרא [דנגע הבית באופן כזה] דעס איז נישט געווען און ס׳וועט נישט זיין.

סו

ס׳שטייט אפילו נישט אין די גמרא [אַ ביאור] פאַרוואָס נישט, פאַרוואָס קען דאָס נישט זיין.

[דלכאורה התינח] ווען דאָס העט געמאַכט אַ ׳מעלער׳, אפשר קאָנסטו זאָגן אַז ס׳איז שווער - ווייס איך אויך נישט [צי ס׳איז טאַקע אַזוי] - ס׳איז שווער אויסצומאָלן [אַזוי].

אָבער [אַז] דאָס גאַנצע איז דאָך געווען אַ נֵס, [וואָס] מ׳האָט עס אַראָפּגעשיקט מִן הַשָּׁמַיִם, [אם כן אינו מובן למה אמרו שאי אפשר להיות כן, והלא] מ׳קאָן שיקן מִן הַשָּׁמַיִם [אַ נגע] אין אַ ווינקל אויף צוויי ברעטער, פּונקט אַזוי ווי מ׳האָט דאָס געשיקט [על אמצע הכותל].

[ועל דרך שאמר רבי חנינא בן דוסא][לה] מי שאמר לשמן וידליק, יאמר לחומץ וידליק.

אַז דער בורא כל עולמים שיקט אַראָפּ בְּדֶרֶךְ נֵס אַזעלעכע מַכּוֹת [אויפן הויז], אַזעלעכע ׳פלעקן׳, אַזעלעכע מַרְאוֹת [שאינם בטבע], קאָן מען זיי אַראָפּשיקן [אויך] אין אַ ווינקל, [אַז ס׳זאָל זיין] פּונקט אין אַ ווינקל, און ס׳זאָל זיין צוויי ברעטער, ס׳זאָל זיין ווי איינס און ס׳זאָל אויסזעהן ווי צוויי, די אַלע [תנאים הצריכים לזה] אַזוי ווי ער מאָלט עס אַראָפּ רבי אלעזר ברבי שמעון.

---

[לב] במשנה דנגעים (יב, ג): וכמה אבנים יהו בו, רבי ישמעאל אומר, ארבע. רבי עקיבא אומר, שמונה. שהיה רבי ישמעאל אומר, עד שיראה כשני גריסין על שתי אבנים או על אבן אחת. רבי עקיבא אומר, עד שיראה כשני גריסין על שתי אבנים, לא על אבן אחת. רבי אלעזר ברבי שמעון אומר, עד שיראה כשני גריסין על שתי אבנים בשני כתלים בזוית, ארכו כשני גריסין ורחבו כגריס.

[לג] הכוונה על אבנים.

[לד] פירוש: ׳וואַנט׳ פון די הויז.

[לה] בגמרא תענית (כה.): חד בי שמשי [פירש״י: כל היכא דתני ׳בי שמשי׳ היינו ערב שבת, לא שמעתי טעם], חזייה לברתיה דהוות עציבא, אמר לה בתי למאי עציבת, אמרה ליה כלי של חומץ נתחלף לי בכלי של שמן [ושמתי החומץ בנר] והדלקתי ממנו אור לשבת [ויכבה הנר]. אמר לה בתי מאי איכפת לך, מי שאמר לשמן וידלוק, הוא יאמר לחומץ וידלוק. תנא, היה דולק והולך כל היום כולו, עד שהביאו ממנו אור להבדלה [הדליק ממנו נר אחר ליהנות בו, ונר של מעשה נסים כיבה, כי היכי דעבד רב יהודה (שם כד: והובא לעיל בהערה יד) בחלא דהוה סמידא].

סז

[נאָר] על כל פנים די גמרא זאָגט אַזוי.

זעט אויס [ווייל] ס'איז נישט שְׁכִיחַ, ס'איז 'דאָך' נישט מעגליך געווען אַזוי ווייט.

סח

קושיא יז

ועל כל פנים למאן דאמר דבית המנוגע לא היה ולא יהיה, קשה דאם כן בטלו כל אלו הטעמים שאמרו בזה, דאפילו לטעם הפשוט דהוא להזהירו ולהוכיח לתשובה, אם לא היה במציאות כך לא שייך ההתעוררות לתשובה. וכל שכן שלא שייך למצוא מטמוניות, וכן טעם הזוהר לא שייך לפי זה. וצריך ביאור להשוות דברי חכז"ל אהדדי

אָבער על כל פנים די גמרא זאָגט אַזוי, ס'איז דאָ דריי מאן דאומרים, דריי אַזעלעכע [פרשיות שאי אפשר להיות, בן סורר ומורה, ועיר הנידחת, ונגעי בתים].

יז) ממילא לפי זה אַז ער זאָגט [אַז בַּיִת הַמְנוּגָע] לא עתיד להיות, ס'איז נאָר דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר, נו איז דאָך 'אויפגעהערט' מיט די אַלע טַעֲמִים [דלעיל שבענין נגעי בתים].

סט

[וקושיא זו קשה אף להטעם דהוא בשביל תּוֹכַחַת מוּסָר, כי] אַז ס'קען נישט זיין [און ס'איז] נאָר דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר, נו וואָס פאַר אַ מוּסָר ווער מען פון דעם אַרויסנעמען.

[והגם] ווענגן מוּסָר אפשר קען מען נאָך זאָגן [לתרץ], אַז ס'גייט אַרויס [הַפְּסַק שהנגע] טָהוֹר, ווייל ס'האָט נישט דעם שִׁיעוּר [שהתנה רבי שמעון בן אלעזר, אבל מ"מ קודם לזה בעת ביאתו להכהן כבר התעורר לתשובה, אף קודם שפסק הכהן אם טהור היא או טמא. דסוף סוף היה לו נגע שהוצרך לישראל עליו לכהן, ואם לא היה חוטא לא היה אירע לו גם זה].

[אמנם מ"מ אכתי יוקשה, דאם כן] נו געשעט דאָך אים גאָרנישט [לבסוף, ואם כן] וואָס הייסט [דער גאַנצער סדר פון] אֵין בַּעַל הָרַחֲמִים פּוֹגֵעַ 'בִּנְפָשׁוֹת' תְּחִלָּה, מ'איז דאָך נישט פּוֹגֵעַ אין 'גאָרנישט'.

ע

און ווידעראום [להטעם בשביל מטמוניות, קשה גם כן, דאם לא היה ולא יהיה, אם כן] קיין מַטְמוֹנִיּוֹת טרעפט מען אויך נישט, און מ'צושטויסט נישט דעם הויז.

און [וכן לטעם הזוהר] ווענגן עבודה זרה, [הרי גם כן לא אירע כך].

[ונמצא דאם כן] איז בָּטֵל אַלע טַעֲמִים, דער מַאן דְּאָמַר [שבית המנוגע לא היה ולא עתיד להיות] קען נישט האַלטן ניטאַמאָל איינס פון די טַעֲמִים.

עא

ובפרט כי מאן דאמר זה הוא רבי אלעזר ברבי שמעון, וראוי להשוות שלא יסתור לדברי הזוהר שהוא רבי שמעון אביו

[און נאָך מער איז] אַ חִידּוּשׁ, [שהרי] דער מַאן דְּאָמַר איז טאַקע רבי אלעזר ברבי שמעון, און [הטעם בשביל שנבנה על ידי עובדי עבודה זרה] דאָס איז רבי שמעון בן יוחאי אין זוהר. [ונמצא כי] רבי אלעזר ברבי שמעון [אומר שלא היה במציאות], און טאַקע דער פאָטער אין זוהר זאָגט ער דעם טַעַם ווענגן עבודה זרה. [ולא מסתבר שיסתור דברי אביו, אלא צריכין לבאר הענין באופן שיתקיימו שניהם][לו].

---

[לו] ובאמת גם הטעם של מציאת המטמוניות, נזכר במדרש (דלעיל בהערה ד) בשם רבי שמעון עצמו. אלא שטעם ההוא מביא גם בזוהר גופא, ומוכח שסובר שאין בזה סתירה. ואולי לזה כיון רבינו גם לעיל באות נז, במה שאמר דמשמע בזוהר דתרווייהו איתנייהו. דהא הזוהר מתחיל בטעם דמטמוניות, ועל זה הוא שמסיים אחר כך בטעם הפנימי שבזוהר. אבל לדברי רבי אלעזר בר"ש דלא היה כן במציאות, אם כן זה כסתירה לטעם הזוהר.

עב

**קושיא יח**

והנה למאן דאמר זה, אמרו עוד בגמרא אם כן למה נכתב הפרשה בתורה, משום דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר. וצריך ביאור דהלא מכל אות שבתורה למדין כמה הלכות, והוא מילתא דתמוה שבכאן יהא נכתב פרשיות שלימות בתורה רק משום דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר, ולא יבואו לידי שום נפקא מינה למעשה

**יח) אָבער דאָס ענין** [בעצמו, גם כן תמוה, לומר אַז] **די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה זאָל זאָגן אַ פרשה וואָס ס'איז גאָרנישט קיין נפקא מינה לְדִינָא, ס'קען נישט זיין, און ס'איז נישט געווען און ס'וועט נישט זיין. - אָדער פשוט,** [אַז] **מ'ווייסט** [ברוך הקודש] **ס'איז נישט געווען און ס'וועט נישט זיין,** [און ס'איז] **נאָר וועגן דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר. -** [דאָס ענין] **איז דאָך אַ הַפְלֵא וָפֶלֶא.**

[דהלא] **די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** [איז דאָך] **אֲרוּכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּהּ** (איוב יא, ט), [ובכדי לקבל שכר על הדרישה והלימוד, על זה שייך] **מ'קאָן לערנען די הֲלָכוֹת וואָס זענען יאָ דאָ**[לז] [גם למעשה].

**אַז ס'שטייט אַן איבעריג אוֹת אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, איז מען מְפַלְפֵּל** [בכל מקום לדרוש] **'נאָך וואָס' טויג עס, מ'איז מְפַלְפֵּל 'נאָך וואָס' ס'שטייט, מ'זאָל פאַרשטיין וואָס דער פָּסוּק וויל דאָ מַרְבֶּה זיין.** [ואילו בכאן נימא דנאמרו פרשיות שלימות בתורה] **וואָס ס'איז נישט קיין שום נַפְקָא מִינָהּ לְדִינָא,** [אויף] **אַ גאַנצע פַּרְשָׁה.**

**ס'איז אַ פֶּלֶא וְהַפְלֵא, אַ חִידוּשׁ** [אַז] **ס'איז נישטאָ אויף דעם קיין שום בִּיאוּר** [בדברי המפרשים].

עג

**דער מהרש"א**[לח] **שטעלט זיך** [יאָ] **דערויף ביי בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה.** [און אויף דעם] **זאָגט ער אַ שווערן פְּשַׁט, פאַרוואָס זאָל זיין אַזאַ מֵימְרָא.**

**זאָגט ער, דער פְּשַׁט איז, מ'מיינט דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר, קען זיין ווייל די עלטערן קוקן זיך נישט אום געגוג, 'זיי' דַרְשְׁ'נען נישט.**

[לז] וז"ל רבינו בזה בס"ג מצורע תשי"ז: ס'איז נישטא געגוג צו לערנען? די תורה איז אֲרוּכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּהּ, מ'קאן געגוג [פרשיות] לערנען. [והלא בלאו הכי] מ'קומט נישט אָן געגוג [לגמור הכל], ס'איז דאך עד אין חקר, מ'קאָן ניטאַמאָל פאַרטיגן, אֲרוּכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּהּ, די אלע הלכות וואס מ'ברויך צו וויסן און מ'ברויך צו לערנען הלכה למעשה. דאַרף מען גאָר [אַ פרשה] וועגן דרוש וקבל שכר? אזוי אַראָפּשטעלן אַ פרשה אין די תורה, וואס ס'איז גארנישט קיין נפקא מינה [למעשה], ס'קאן נישט זיין און ס'איז נישט געווען, [אך ורק] וועגן דרוש וקבל שכר.

[לח] במהרש"א (סנהדרין עא.): גמרא, מדקול בעינן שוה כו'. יש לעיין בזה, היכי משמע מאינו שומע בקולנו, ומהיכן בא לומר מדקול בעינן שוה מראה וקומה נמי וכו'. ורבי שמעון דקאמר וכי מפני [שאכל זה תרטימר בשר וכו' מוציאין אותו לסקלו] וכו', הוא תמוה לכאורה, אם אינו ראוי ליסקל, למה כתבה התורה שהוא ראוי, ולא שייך בזה דרוש כו'. ○ ונראה, כי הבן סורר, אף כשהוכיחו אותו אביו ואמו כמה פעמים, כמפורש בקרא וְיִסְּרוּ אוֹתוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ וגו', אמר כי מעולם לא הוכיחו אותו שניהם, אלא אביו או אמו, ואומר אילו הוכיחו שניהם, היה מקבל תוכחתם, ואם כן על כרחך בְּשֶׁקוֹל שניהם שוה, שיכול לומר שהיה סבור בכל התוכחות שלא היו רק מאחד מהם, או מאביו, או מאמו, ואם כן על כרחך דמראה וקומה נמי שוין, דאם לא כן אף בשקולן שוה אכתי לא היה יכול לומר דאחד מהם היה, כיון דמראיהן או קומתן אינן שוין. וזה דבר שאי אפשר שיהיו שוין בכל דבר, ולא היה ולא עתיד להיות. ○ ורבי שמעון דקאמר וכי מפני שאכל כו', דודאי לדעת ר"ש התורה חייבה עליו מיתה, שהגיעה תורה לסוף דעתו וכו' כדלקמן, אלא דקאמר דאביו ואמו ודאי דלא יוציאו אותו בשביל זה לסקילה, שהם ודאי לא יגיעו לסוף דעתו, ויאמרו שסופו לחזור מדרכיו הרעים, ויהיו חסים עליו, וע"כ לא היה ולא עתיד להיות, שאביו ואמו לא יגיעו לסוף דעתו, ויכסו עליו מלהוציאו לסקילה בשביל תרטימר אחד. ולמה נכתב, אלא דרוש [וקבל שכר], שאביו ואמו ידרשו שהתורה הגיעה לסוף דעתו דבכזה הוא ראוי ליסקל, ועל ידי זה יוכיחו וייסרו את בניהם, ויקבלו על זה שכר. וכדאמרינן (ברכות יז.) הני נשי במאי זכיין, שמגדלין בניהן לתלמוד תורה. ○ אבל בזמן הזה אין נותנין לב לזה, וכל אחד מחפה על בנו אף שהוא באמת חייב מלקות ומיתת בית דין, ואין מוכיחין אותן, והנערים הולכים רוב ימיהן בביטול תלמוד תורה, ואמרינן פרק כל כתבי (שבת קיט:) לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבטלו בו תינוקות של בית רבן כו', עכ"ק.

KolSatmar.com

[און] ער וויל אַרויסברענגען דברי מוסר[לט], אַז מ׳קוקט זיך נישט גענוג אום אויף קינדער.

עד

ס׳איז אֱמֶת וְיַצִּיב, די בְּחִינָה וואָס ער זאָגט דאָרטן.

אָבער [לפרשון] אין די גמרא אַריין, אַז דאָס זאָל טייטש זיין דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר, האַלט נישט אויס. און ס׳איז שווער.

עה

איבערהויפּט נאָך [דהרי] ס׳איז נאָר [מיושב לדבריו] ביי בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, [אָבער] וואָס טוה איך נאָך מיט די אַנדערע צוויי, וואָס עפּעס [זאָגט מען] דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר [אצל עיר הנידחת, ואצל נגעי בתים].

עו

[ועל כל פנים] די קַשְׁיָא איז דאָך אַ האַרבע קַשְׁיָא, וואָס זאָגט מען עפּעס דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר.

איך האָב שוין אַמאָל גערעדט דערפון[מ] [ליישב הענין לדרכינו] ביי בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, אָבער דאָ ביי די אַלע דריי מ׳זאָל זאָגן פְּשַׁט אין דעם, ס׳איז שווער. [ועל כן נראה לבאר עתה לדרכינו עיקר ענין ׳דרוש וקבל שכר׳, באופן שיובן הענין אצל כל הג׳ פרשיות].

עז

**קושיא יט**

ועוד צריך ביאור, דהרי בכל אלו הג׳ ענינים, מובא עוד בגמרא דהיה תנא שהעיד שראה קברו של בן סורר ומורה, ותלו של עיר הנדחת, וגם מקום שהקצו לשם אבנים מבית המנוגע. ואם כן יש כאן פלוגתא גם ׳במציאות׳, אם היה זה או לא, וצריך ביאור האיך להשוות דברי חכמים

אויסערדעם [קשה עוד, כי] ביי די אַלע דריי [זאַכן] איז דאָ אַ מַאן דְּאָמַר דאָרט [בגמרא][כז], **רבי יונתן** זאָגט, [הן] ביי בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, **אני ראיתיו ועמדתי על קברו**, ער זאָגט עֵדוּת [שראה כזאת].

און [הן] ביי עִיר הַנִּדַּחַת, זאָגט ער אויך **אני ראיתיה וישבתי על תִּלָּהּ**, [וכדכתיב ביה] וְהָיְתָה תֵּל עוֹלָם לֹא תִבָּנֶה (ראה יג, יז). זאָגט ער איך בין געזעסן עַל תִּלָּהּ, ער זאָגט עֵדוּת [שראה כזאת].

און ביי ׳דעם׳ ווידעראום, ביים בֵּית הַמְנוּגָע, שטייט אויך אַזוי דאָרט[כז] אַן אַנדערער מַאן דְּאָמַר, **רבי אלעזר** [ברבי צדוק], און **רבי שמעון איש כפר עכו**. ברענגט ער אויך, ער זאָגט אויך עֵדוּת [אַז] ער איז געווען דאָרטן, און מ׳האָט אים געוויזן אַ פּלאַץ [וואָס] מ׳האָט עס גערופן סְגִירְתָּא[מא], [ווייל] דאָרט אַהין האָט מען געפירט, אַ בַּיִת הַמְנוּגָע האָט מען אַהין געפירט דאָרטן.

אַלע זאָגן זיי עֵדוּת [שראו כזאת].

---

[לט] בסוף דבריו, עיין שם.

[מ] עיין באורך בזה בענין בן סורר ומורה בס״ג כי תצא תשי״ז, וס״ג כי תצא תשכ״ו, ועוד. [ועיין עוד באורך בס״ג מצורע תשי״ז, ומצורע תשכ״ג, בביאור הענין לענין בית המנוגע].

[מא] דהוא תרגום של ׳מצורעת׳, וכפירש״י שם.

KolSatmar.com

עח

יט) ס׳איז אַ פֶּלֶא, [וכי] זיי האָבן געקריגט עפּעס אין אַ מְצִיאוּת, [שמהם אמרו] אַז ס׳איז געשען, נו און די [אַנדערע] האָבן נישט געוואוסט פון דעם?

[והלא] זיי זענען דאָך נישט געווען ווייט פון חורבן[מב], די תנאים ואמוראים. דאָס איז דאָך געווען בימי רבי אליעזר מיט די חכמים, [ווי] די גמרא זאָגט[מג] מתניתין דלא כרבי אליעזר, [און] רבי אליעזר איז דאָך גאָר געווען בזמן הבית[מד]. און אפילו די וואָס זענען נישט געווען [בזמן הבית], זענען דאָך אויכעט געווען נאָנט [לאותו זמן], נו [אם היה מציאות כזה וכמו שהעיד רבי יונתן, וכי] האָט מען נישט געוואוסט וואָס טוט זיך? ס׳איז געווען אַ מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה [ולא ידעו מזה]?

[ובפרט שהרי] ביי בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה איז מען מכריזין בבית דין[מה], [וכדכתיב] וְכָל הָעָם יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ (תצא יז, יג), [ואם כן תמוה] פאַרוואָס האָט מען נישט געוואוסט דערפון.

[ועל כל פנים אינו מובן] וויאַזוי דאָס קריגט מען עפּעס גאָר אין אַ ׳מְצִיאוּת זאַך׳.

עט

דעס גאַנצע עִנְיָן איז אַ דְבַר פֶּלֶא. [וואָס] ס׳איז כְּדַאי אַז מ׳זאָל מִתְבּוֹנֵן זיין אין בִּיאוּר פון די מימרות [פון] דברי חכמינו ז״ל.

פ

### קושיא ב

הרמב״ן כתב דכשם שנגעי בתים אינו נוהג אלא בארץ ישראל, וכמו שדרשו מהפסוק בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם, כן גם נגעי בגדים אינו נוהג בחוץ לארץ. ומה שלא נזכר בפסוק ׳לימוד׳ על זה, הוא משום דלא איצטרך למעטו, כיון שכל זה הוא רק בדרך נס, ולא יארע זה הנס רק בארץ ישראל, ולא בחוץ לארץ

דער רמב״ן זאָגט[ג] אין די פרשה [דנגעים], ביי [נגעי] בֶּגֶד, פונקט אַזוי - זאָגט ער - ווי נגעי בתים האָט נישט געקאָנט זיין [בחוץ לארץ, און] ס׳איז נאָר געווען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל [כמבואר בקרא בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם], פאַרוואָס, ווייל ס׳איז נישט געווען אין ערגעץ

---

[מב] היינו מזמן הבית, כשעדיין ישבו סנהדרין בלשכת הגזית ודנו גם דיני נפשות, והיה שייך דין בן סורר ומורה ועיר הנידחת.

[מג] דאיתא במשנה סנהדרין (קיא:): וְשָׂרַפְתָּ בָאֵשׁ אֶת הָעִיר וְאֶת כָּל שְׁלָלָהּ כָּלִיל לַה׳ אֱלֹקֶיךָ, שללה, ולא שלל שמים. מכאן אמרו, ההקדשות שבה יפדו, ותרומות ירקבו, מעשר שני וכתבי הקדש יגנזו.

ועל זה אמרו בגמרא שם (קיג.): כתבי הקדש יגנזו. מתניתין דלא כרבי אליעזר, דתניא רבי אליעזר אומר כל עיר שיש בה אפילו מזוזה אחת אינה נעשית עיר הנדחת, שנאמר וְשָׂרַפְתָּ בָאֵשׁ אֶת הָעִיר וְאֶת כָּל שְׁלָלָהּ כָּלִיל, והיכא דאיכא מזוזה לא אפשר, דכתיב לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לַה׳ אֱלֹקֵיכֶם [פירש״י: דכתיב וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם מִן הַמָּקוֹם הַהוּא וגו׳, וסמיך ליה לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לַה׳ אֱלֹקֵיכֶם, ובמזוזה הואיל וכתיב בה אזכרות אי אפשר לשרפה, משום קרא דלא תעשון כן, ואנן בעינן שללה וליכא, דהאי לאו שלל שמים הוא].

[מד] דרבי אליעזר בן הורקנוס היה מגדולי תלמידיו של רבי יוחנן בן זכאי, שהיו בסוף זמן הבית שני, וגם בשעת החורבן, כדמוכח בגמרא גיטין (נו.), ועוד. ועיין בסדר הדורות (סדר תנו״א, מערכת א׳ ערך רבי אליעזר, אות ז ואות י).

[מה] כמבואר במשנה סנהדרין (פט.): אין ממיתין אותו לא בבית דין שבעירו, ולא בבי״ד שביבנה, אלא מעלין אותו לבית דין הגדול שבירושלים, ומשמרין אותו עד הרגל, וממיתין אותו ברגל, שנאמר וְכָל הָעָם יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ וְלֹא יְזִידוּן עוֹד [פירש״י: צריך להשמיע מיתתו לרבים, שלא יעשה אדם עוד כן], דברי ר׳ עקיבא. ר׳ יהודה אומר, אין מענין את דינו של זה, אלא ממיתין אותו מיד וכותבין ושולחין שלוחין בכל המקומות איש פלוני מתחייב מיתה בבי״ד.

ובגמרא שם: תנו רבנן, אין ממיתין אותו לא בבית דין שבעירו ולא בבית דין שביבנה, אלא מעלין אותו לבית דין הגדול שבירושלים וכו׳, דברי רבי עקיבא. אמר לו רבי יהודה וכי נאמר ׳יראו׳ וייראו [פירש״י: דבעינן שיהו רואין במיתתו], והלא לא נאמר אלא ׳ישמעו׳ וייראו, למה מענין דינו של זה, אלא ממיתין אותו מיד, וכותבין ושולחין בכל מקום איש פלוני נתחייב מיתה בבית דין. ○ תנו רבנן, ארבעה צריכין הכרזה [פלוני מת בבית דין על שעבר עבירה זו, כדי לרדות את האחרים], המסית, ובן סורר ומורה, וזקן ממרא, ועדים זוממין.

KolSatmar.com

[אַנדערש], אַזוי ווי ער זאָגט פריער (לעיל באות מה) אַז נאָר די וואָס זענען רָאוּי געווען [לכך], ווייל ס'איז נאָר געווען ביי **דעם גרויסן דַעַת** [שזה היה רק בארץ ישראל, ועל דרך זה] זאָגט ער [אַז ביי] **בְּגָדִים** איז אויך אַזוי, [אַז] ס'איז נישט 'געווען' אין **חוּץ לָאָרֶץ**, נאָר אין **אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**.

איי פאַרוואָס **שטייט נישט** אין פָּסוּק [איזה לימוד בנגעי בגדים, שאינו נוהג בחוץ לארץ]. זאָגט ער ווייל ס'דאַרף נישט שטיין קיין מִיעוּט, ווייל ס'איז **נישט** 'געווען' [במציאות]. וואָס זאָל שטיין אַ מִיעוּט [אויף] אַ זאַך וואָס ס'קען נישט זיין בִּמְצִיאוּת, ס'איז דאָך איבעריג, אַז ס'קען נישט זיין בִּמְצִיאוּת איז דאָך עס איבעריג. איבערדעם דאַרף עס נישט צו שטיין.

פא

אמנם לפי דבריו אלו יוקשה דאם כן למה בנגעי בתים שפיר יש 'לימוד' בקרא למעט חוץ לארץ, והלא גם התם יש לומר דכיון שלא יארע הנס בחוץ לארץ, לא איצטרך קרא למעטו

כ) נאָר לְפִי זֶה ברויך מען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס **ביי בתים** דאַרף איך יאָ הָאבן אַ מִיעוּט, [כדכתיב] **בְּאֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם**, זאָגט דער **תורת כהנים**[מו] [אַז ס'איז] אַן עקסטערער לִמּוּד אַז ס'טאָר נישט זיין[מז] אין **חוּץ לָאָרֶץ**, נאָר **דאָרטן** [בארץ ישראל], און נאָר דוקא אַחֲרֵי כִּיבּוּשׁ וְחִילּוּק. אויף אַלעמען האָט ער לִמּוּדִים, עטליכע לִמּוּדִים איז דאָרטן דאָ אין פָּסוּק רעכנט ער [בתורת כהנים].

און לויט ווי ער זאָגט, דער **רמב"ן**[יג] זאָגט דאָך דאָ אָט [בנגעי בגדים], אַז ס'קען נישט פאָרקומען [ועל כן לא צריך קרא למעטו], איז דאָך עס טאַקע דער אֱמֶת אַזוי [גם בנגעי בתים], אַז ס'קען נישט פאָרקומען, אַז ס'קומט נישט פאָר ערגעץ אַנדערש, [ווייל] ס'איז [דורך] **אַ נֵס וָפֶלֶא**.

און דער אֱמֶת איז דאָך עס טאַקע אַזוי [שהוא רק בדרך נס. ווי] דער **רמב"ם**[יב] זאָגט דאָך אויכעט[מח] אַזוי (כדלעיל באות מד), **אַז ס'איז אַ נֵס**.

[און] **אַז ס'איז אַ נֵס וָפֶלֶא**, [הרי] **קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לֹא עָבֵד נִיסָּא לְמַגָּנָא**, דאָרטן וואו דער דִין איז נישט [נוהג], אַז מ'איז נישט דַן [דין נגעי בתים 'בחוץ לארץ'] און ס'איז גאָרנישט [נוהג], דעמאָלטס קומט עס אַוודאי נישט פאָר [במציאות], און אַז ס'קומט נישט פאָר [אם כן] 'נאָך וואָס' דאַרף שטיין אין פָּסוּק אַ מִיעוּט, פאַרוואָס פעלט דאָס אויס.

פב

ואם נימא לתרץ כי המיעוט שבנגעי בתים נאמר רק משום דרוש וקבל שכר, וכדרך שאמרו למאן דאמר דלא היה ולא יהיה. אם כן יוקשה לאידך גיסא, דאם כן גם בנגעי בגדים היה לו להזכיר מיעוט שאינו נוהג בחוץ לארץ, ומטעם דדרוש וקבל שכר

נאָר פאַרקערט, איז דאָך [קשה גם] **לאידך גיסא**, אַז איך וועל זאָגן [ליישב מה שצריך מיעוט בנגעי בתים למעט חוץ לארץ], אַז ס'איז אינגאַנצן נאָר [משום דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר], לויט **דעם מַאן דְּאָמַר** – [וואָס] לעולם איז דאָך מ'קריגט זיך אויף אים, און מ'פַּסְקְ'נט נישט אַזוי, [אָבער] – **דער** מַאן דְּאָמַר וואָס ער לערנט אַז **לֹא הָיָה וְלֹא עָתִיד** [להיות] **נאָר דְּרוֹשׁ**

---

[מו] **בתורת כהנים** (פ"ה, ג). והובא לעיל בתוך לשון הרמב"ן (שבהערה יג).

[מז] פירוש: שאין דינו להיות נוהג.

[מח] אף שהרמב"ם לא הזכיר כן בנגעי 'בגדים' שאינו נוהג בחוץ לארץ [כמו שהזכיר כן בנגעי בתים (בהל' טומאת צרעת יד, יא-יג)].

KolSatmar.com

**וְקַבֵּל שְׂכַר,** [אם כן] **אַז ס'איז וועגן דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר, האָט דאָך בּיי בֶּגֶד אויך געדאַרפט צו שטיין** [אַ מיעוט, כדי לדרוש]**. אַז ס'איז נאָר וועגן דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר.**

פג

קושיא כא - מתוך הדרוש

כא) [ובאור החיים הק' דקדק, דלפי דברי חכז"ל דאין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחילה, ולכן מקודם בא על ביתו, ואחר כך על בגדיו ועל עורו, אם כן למה נכתב בתורה הסדר להיפוך, דמתחילה נכתב דין נגעי אדם, ואחר כך נגעי בגדים, ואחר כך נגעי בתים]. (הקושיא בדברי רבינו, להלן באות קסו)

קכו

# ישוב הקושיות בפרשת נגעי בתים

## הקדמה לישוב קושיא יח (באופן ראשון)

## בביאור הלשון 'דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר' (באופן ראשון)

טרם שנבוא לביאור הענין, נקדים לבאר עצם הענין בלשון הגמרא דהפרשה נכתב משום דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר

**נאָר אָבער דאָס גאַנצע ענין** [להבין דעת המאן דאמר בענין בית המנוגע, דלא היה ולא עתיד להיות אלא דרוש וקבל שכר]**, האָב איך שוין געשמועסט פריער** (בקושיא יז-יט)**,** [אַז] **דאָס גאַנצע ענין איז זייער האַרב.**

[נאָר] **איך רעכן** [ליישב זה] **קודם לְפִי פְּשׁוּטוֹ, קודם** [וואָס] **איך קלער אפשר** [לבאר] **וואָס דער 'טייטש' איז פון דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שְׂכַר.**

קכז

והנראה בזה דהנה מבואר בגמרא לענין פלוגתות החכמים, כי אלו ואלו דברי אלקים חיים, אף שההלכה נפסק רק כאחד מהם. וכתב שם הריטב"א, שָׁאֲלוּ רבני צרפת ז"ל היאך אפשר שיהו שניהם אמת, כשזה אוסר וזה מתיר. והשיבו להם דכשעלה משה למרום לקבל התורה, הראו לו על כל דבר מ"ט פנים לאיסור ומ"ט פנים להיתר, ושאל להקב"ה על זה, ואמר לו שהכרעת ההלכה בזה מסור לחכמי ישראל שבכל דור

[והנראה בזה, דהנה] **די גמרא זאָגט**[מט]**,** [ווען] **ס'איז אַ פלוגתא בית שמאי און בית הלל,** [איז] **אלו ואלו דברי אלקים חיים.**

**נאָר די קוּשְׁיָא איז דאָך יָדוּעַ, פרעגן דאָך די ראשונים אַלע, ווי קען זיין בּיידע דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים, איינער זאָגט טָמֵא און איינער זאָגט טָהוֹר, און זיי זענען בּיידע דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים.**

**ברענגט דאָך דער ריטב"א**[נ]**, - זיי ברענגען דאָך אַלע דעם ריטב"א, - דער ריטב"א ברענגט אַ מאמר חכמינו ז"ל**[נא]**,** [אַז] **ווען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ איז געווען בַּשָּׁמַיִם און**

---

[מט] בגמרא עירובין (יג:): **שלש שנים נחלקו בית שמאי ובית הלל, הללו אומרים הלכה כמותנו, והללו אומרים הלכה כמותנו, יצאה בת קול ואמרה אלו ואלו דברי אלקים חיים, והלכה כבית הלל. וכי מאחר שאלו ואלו דברי אלקים חיים מפני מה זכו בית הלל לקבוע הלכה כמותן, מפני שנוחין ועלובין היו, ושונין דבריהן ודברי בית שמאי, ולא עוד אלא שמקדימין דברי בית שמאי לדבריהן וכו'.**

[נ] בחידושי הריטב"א (עירובין שם): **אלו ואלו דברי אלקים חיים. שָׁאֲלוּ רבני צרפת ז"ל, היאך אפשר שיהו שניהם דברי אלקים חיים, וזה אוסר וזה מתיר. ותירצו, כי כשעלה משה למרום לקבל תורה, הראו לו על כל דבר ודבר מ"ט פנים לאיסור ומ"ט פנים להיתר, ושאל להקב"ה על זה, ואמר שיהא זה מסור לחכמי ישראל שבכל דור ודור, ויהיה הכרעה כמותם. ○ ונכון הוא לפי הדרש, ובדרך האמת יש טעם וסוד בדבר.**

[נא] הכוונה להתשובה שהשיבו לרבני צרפת ז"ל, דהוא מקבלת חז"ל [וכמבואר כן גם בירושלמי ומדרש תהלים דלהלן]. והוא על פי לשון הישמח משה בפרשת בשלח שהביא דברי הריטב"א ואח"כ כתב וז"ל: **והמדרש** (תהלים, המובא להלן) **מסייעו וז"ל, שהקב"ה אמר למשה על כל דבר ודבר מ"ט פנים של טומאה ומ"ט פנים של**

KolSatmar.com

**מ׳האָט אים געגעבן די תּוֹרָה, האָט מען געוויזן אויף יעדע זאַך מ״ט פנים טמא, ומ״ט פנים טהור, מ״ט פנים ׳אַזוי׳ און מ״ט פנים ׳אַזוי׳.**

**האָט ער געפרעגט און וויאַזוי איז דער דין, וויאַזוי וועט מען טון.**

**האָט מען געזאָגט, וויאַזוי די חַכְמֵי הַדּוֹר וועלן מַכְרִיעַ זיין.**

קכח

ובאמת יש להבין למה לא השיב לו הקב״ה מיד את הכרעת ההלכה, והלא גם הכרעת חכמי הדור תלוי רק לפי הדעת שחונן אותם השי״ת לכוון לרצונו ית׳ באותו דין

[ולכאורה בדרך] **פשוט איז דאָך נישט צו פאַרשטיין** [למה השיבו לו שתלוי בהכרעת חכמי הדור. דהלא] **פון וואו נעמט זיך הַכְרָעַת חַכְמֵי הַדּוֹר, אַלעס** [איז דאָך כדכתיב] **כִּי ה׳ יִתֵּן חָכְמָה מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה** (משלי ב, ו), **אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת** (תפלת י״ח), **דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שיקט דאָך אַריין** [פאַר] **די חֲכָמִים אין דַּעַת אַריין** [האיך להכריע ההלכה], **ס׳איז דאָך אַלעס מִן הַשָּׁמַיִם,** [וויאַזוי] **מ׳זאָל מְכַוֵּן זיין דעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא אין דער הֲלָכָה.** [ואם כן] **איז דאָך קַמֵּי שְׁמַיָּא גַּלְיָא** [רצונו ית׳ און] **וויאַזוי די הַכְרָעָה וועט זיין, וואָס האָט מען געדאַרפט** [לומר למשה שעדיין הדבר תלוי לפי מה שהחכמים יכריעו][נב].

**נאָר על כל פנים איז אַזוי.**

קכט

אמנם יובן על פי המבואר עוד בענין זה בירושלמי סנהדרין, דאילו ניתנה התורה חֲתוּכָה בפסק הלכה מבורר, **לא** היה קיום להעולם. וביאר כי משה רבינו שאל מהקב״ה שיהודיע לו היאך היא הַהֲלָכָה, והשיב לו הקב״ה שילכו אחר הכרעת רוב הסנהדרין, והטעם כדי שתהא התורה נדרשת מ״ט פנים טמא ומ״ט פנים טהור

**נאָר אַ חידוּש איז דער ירושלמי, - איך האָב עס שוין אַסאַך מאָל נאָכגעזאָגט**[נג]**, - אין ירושלמי אין סנהדרין**[נד] **שטייט נאָך אַ שאַרפערע בחינה,** [אמנם] **דאָס איז אפשר נאָך גיכער צו פאַרשטיין.**

**דער ירושלמי זאָגט, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האָט געבעטן גיב מיר די תורה ׳חֲתוּכָה׳, גיב מיר הֲלָכָה בְּרוּרָה, נישט קיין פְּלוּגְתּוֹת.**

---

**טהרה. - וע״ע ביש״מ פ׳ וירא** (עה״פ ויקרא אברהם, אות ח) **שכתב הישמח משה שזה קבלה בשם חכמי הצרפתים בעלי התוספת, שהיה קבלה בידם. וכן כתב שם בפרשת דברים** (ומובא להלן) **שכתב הריטב״א קבלה מרבותיו איש מפי איש.**

[נב] ולפי המשך דברי רבינו להלן, יובן גם זה, כי היה צריך שיעברו מקודם כל הצדדים בבית דין שלמטה, ולא שיגלה זאת הקב״ה למשה מיד.

[נג] ומהם בס״ג חקת תשכ״ב, תשכ״ג, ותשכ״ה (בירושלים עיה״ק). ועיין עוד בזה **בליל שב״ק נח תשכ״ז** (נדפס בדברי יואל נח, עמוד קב).

[נד] בירושלמי סנהדרין (דף כא): אמר רבי ינאי, אילו ניתנה התורה חֲתוּכָה, **לא היתה לָרֶגֶל עמידה.** מה טעם, וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה, אמר לפניו רבונו של עולם הודיעני היאך היא הַהֲלָכָה, אמר לו אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת (משפטים כג, ב) רָבּוּ המזכין זָכוּ, רָבּוּ המחייבין חייבו, **כדי שתהא התורה נדרשת מ״ט פנים טמא ומ״ט פנים טהור.** מניין, ׳וְדִגְלוֹ׳ [עָלַי אַהֲבָה (שיר השירים ב, ד), בגימטריא מ״ט]. וכן הוא אומר (תהלים יב, ז) אִמְרוֹת ה׳ אֲמָרוֹת טְהֹרוֹת כֶּסֶף צָרוּף בַּעֲלִיל לָאָרֶץ מְזֻקָּק ׳שִׁבְעָתָיִם׳, ואומר (שיר השירים א, ד) מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ.

וכעין זה הוא **במדרש תהלים** (מזמור יב): אִמְרוֹת ה׳ אֲמָרוֹת טְהֹרוֹת (תהלים יב, ז) וכו׳. אמר רבי ינאי, **לא ניתנו דברי תורה חתוכין, אלא כל דבר ודבר שהיה הקב״ה אומר למשה היה אומר מ״ט פנים טהור ומ״ט פנים טמא.** אמר לפניו, רבונו של עולם עד מתי נעמוד על בירורה של הלכה. אמר לו, אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת (משפטים כג, ב). רָבּוּ המטמאין טמא, רָבּוּ המטהרין טהור. ○ רבי אבהו בשם ר׳ יונתן אמר, תלמיד ותיק היה לו לרבי עקיבא, והיה מטמא את השרץ מן התורה במ״ט פנים ומטהרו במ״ט פנים. וכן תני רבי חייא, תלמיד היה לו לרבי מאיר וסומכוס שמו, והיה מטהר את השרץ מן התורה במ״ט פנים, וחוזר ומטמאו במ״ט פנים. שנאמר (תהלים שם) מְזֻקָּק ׳שִׁבְעָתָיִם׳ [ז׳ פעמים ז׳ שהוא מ״ט]. ר׳ יהושע בשם ר׳ לוי אמר, תינוקות שהיו בימי דוד היו יודעים לדרוש את התורה במ״ט פנים וכו׳.

KolSatmar.com

**האָט דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים געזאָגט ס'איז נישט מעגליך** [שיאמר מן השמים הלכה פסוקה, ווייל] **אַז ס'וועט נישט דורכגיין** [כל צדדי הפלוגתות], **אי אפשר** [להעולם להתקיים בלא זה], **אֵין עמידה לרגל, ס'קאָן נישט זיין קיין קִיוּם הָעוֹלָם אָן דעם. ס'מוז זיין** [די אַלע ספיקות ופלוגתות].

**ווי דער פני משה גיט דאָרטן צו פאַרשטיין**[נה]**, די תּוֹרָה מוז נִדְרֶשֶׁת ווערן מ"ט פנים טמא ומ"ט פנים טהור, דעס אַלעס מוז דורכגיין, אַז נישט איז נישטאָ קיין קִיוּם הָעוֹלָם.**

ס'שטייט נישט פאַרוואָס [תלוי קיום העולם באופן זה דייקא[נו]. אָבער] **על כל פנים אַזוי זאָגט דער ירושלמי. דאָרט איז נישטאָ קיין אַנדערן פְּשַׁט,** [ווי] **דער פני משה זאָגט אַזוי פְּשַׁט דאָרט.**

קל

והיוצא מזה כי כן מוכרח הדבר שתהא התורה נדרשת מפי חכמי הדור בכל הצדדין שבמ"ט פנים טמא וטהור [ולכן לא רצה הקב"ה להודיע מיד הכרעת ההלכה, דאז שוב לא יהא שייך לחלוק בדבר]

[ולפי זה] קען זיין [בביאור ענין 'דרוש וקבל שכר'. דהנה] **דער לִמּוּד הַתּוֹרָה** – [וואָס] **מ'האָט אַראָפּגעגעבן די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** [פאַר אידן] **– ברויך געלערנט צו ווערן אויף אַלע בְּחִינוֹת, און 'דעס' איז** [אויך] **אַ חֵלֶק 'תּוֹרָה', די מ"ט פנים טמא.**

קלא

ויש לבאר עוד בזה על פי המבואר במקובלים, דצדדי הלכה והפסק תלוי לפי המדות העליונות.

ועל כן יש צורך שיעברו כל אלו השיטות בעולם, דבזה תלוי קיום והנהגת כל העולמות

**אפשר** [ווייל] **דאָס איז לויט די מִדּוֹת** [העליונות], **ווייסט מען דאָך** [אַז] **די הֲלָכוֹת זענען דאָך געוואָנדט לויט די מִדּוֹת.**

**אַזוי ווי ס'שטייט, דער אר"י הקדוש זאָגט**[נז]**, און דער רמ"ק**[נח]**, ס'איז אַמאָל פאַרהאַנדן אַז מ'פַּסְקְ'נט, ס'איז געווען צווישן די חכמינו ז"ל און די תנאים** [דלפעמים]

---

[נה] **בפני משה על הירושלמי** (שם)**: אילו ניתנה התורה חתוכה.** בפסק הלכה, בלא נטיית דעת לכאן ולכאן**: לא היתה לרגל עמידה. לא היה קִיּוּם לָעוֹלָם,** דהתורה צריך שתהיה נדרשת פנים לכאן ולכאן כדלקמיה, **ואלו ואלו דברי אלקים חיים הן: מה טעם, וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה.** ואמר לו כל הדינים התלוים בכל פרשה ופרשה, והדרשות הנוטות לכאן ולכאן**: הודיעני היאך ההלכה.** שלא יהיה בה ספק. **ואמר לו זה אי אפשר, אלא אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת וכו',** מפני שהתורה צריך שתהיה נדרשת במ"ט פנים לכאן ולכאן, ואם אני מגלה לך ההלכה, שוב לא תהיה נדרשת בהרבה פנים: **מְזֻקָּק 'שִׁבְעָתָיִם'.** שבעה פעמים שבעה [שהיא מ"ט]: **ואומר מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ.** עיקר אהבת התורה לעשות לה מֵישָׁרִים, על ידי דיעות הנוטים לכאן ולכאן, ואחר כך מיישרים אותו על פי הרוב.

[נו] ולהלן באות קלא, נראה דבא רבינו לתת קצת ביאור לזה, לפי שבכולם מקושר ותלוי הנהגת המדות העליונות.

[נז] עיין **במקדש מלך** (על הזוהר ח"א דף יז:)**: ואתקיים באורח מישור וכו'.** פירוש כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים (אבות ה, יז), **כי יצתה בת קול ואמרה אֵלּוּ וְאֵלּוּ דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים** (עירובין יג:), **כי גם דברי שמאי יש להם שורש למעלה, ועם שאין הלכה כמותם בעולם הזה, 'סופה' להתקיים לעתיד, וכמו שכתב האר"י ז"ל** (עי' ספר הליקוטים פ' קרח) **על משנה זו, שלעתיד בזמן המשיח תהיה הלכה כבית שמאי, ודברי שניהם קיים ואמת.**

[נח] עיין **בפלח הרמון להרמ"ק** (קיצור פרדס רמונים, שער ט פרק ב)**: ותנן כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים, כמחלוקת הלל ושמאי. זה נשיא, איש 'חסד' ועניו, וזה אב בית דין, נאזר 'בגבורה' וקפדן. ושניהם חפצים בהכרעה האמצעית, ולפיכך הללו אוסרין והללו מתירין, ואלו ואלו דברי אלקים חיים, כי המטמא הפוסל המחייב, והמטהר המכשיר המזכה, שניהם מושפעים מהבינה. והנה מִשְׁפְּטֵי ה' אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו** (תהלים יט, י)**, ושני צדדי המחלוקת מתקיימים בטעמי תורה בעולם היחוד, אלא שזכו בית הלל לענין מעשה לקבוע הלכה כמותם, היא השכינה, אסתר ירקרוקת וחוט של חסד משוך עליה** (מגילה יג.)**, לזכות הענוים ושפלים הנוחים בהלכה. ומטעם זה הלכתא למשיחא לא אמרינן, כי לפי ההתעוררות המעשי שיעשה המלך משיחנו, ככה יבחן משפט ההכרעה לכל דבר.**

KolSatmar.com

האָבן [זיי] ׳אַזוי׳ גע׳פַּסְקְ׳נט און אַמאָל ׳אַזוי׳, אַמאָל איז געווען גָבְרוּ יַד בֵּית שַׁמַּאי[נט], [אלא דבעלמא אמרו דהלכה כבית הלל].

[און] **דער אר״י הקדוש זאָגט, אַז לֶעָתִיד וועט זיין די הלכה ווי די בית שמאי.**

קלב

על כל פנים איז אַזוי, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה זאָגט ער [בירושלמי, אַז] דאָס מוז **דורכגיין**, די ביידע שִׁיטוֹת [הן הפנים לטמא, והן הפנים לטהור].

קלג

**ישוב קושיא יח (באופן ראשון)**

ולפי זה נמצא דכולי עלמא מודו כי בשמים יש מקום לכל שיטה ושיטה, וכולם דברי אלקים חיים הם. ודין ההלכה למעשה תלוי בהכרעת רוב חכמי אותו הדור. ועל כן גם אותו מאן דאמר שסובר שלא היה ולא יהיה, משום דלשיטתו יש פרטי דינים כאלו שאינם במציאות, גם הוא מודה דלשיטת החולקים עליו שפיר אפשר להיות כן במציאות

**היצט לְפִי זֶה** [אַז ס׳איז] **מ״ט פנים נִדְרֶשֶׁת די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דאָס מוז דורכגיין,** ׳די׳ מ״ט פנים [לטמא], און ׳די׳ מ״ט פנים [לטהור]. **היצט איז אַזוי.**

**דער מַאן דְּאָמַר וואָס ער לערנט אַז ס׳קען נישט זיין** [במציאות], **איז דאָך פאַר אַ שִׁיטָה** [בהלכה]. **דאָ** [בְּעִיר הַנִּדַּחַת] **איז** [עס שיטת] **רבי אליעזר,** [וואָס] **ער לערנט** [כי] **אַז ס׳איז דאָ איין מְזוּזָה** [אין נידון כעיר נידחת]. **און** [ביי בן סורר ומורה, איז עס] **אַזוי ווי רבי יהודה** [שצריך שיהיו אביו ואמו שווים לגמרי]. **און אַזוי ווי רבי אלעזר ברבי שמעון** [איז עס ביי **נגעי בתים**].

[והגם] **ער האָט דאָך געוואוסט אַז די חכמים זענען חֲלוּקִים עָלָיו, רבי ישמעאל און רבי עקיבא**[לב] **האָבן זיך געקריגט אויף רבי אלעזר ברבי שמעון׳ן. און דאָרט אויך** [בעיר הנדחת] **ס׳איז אַ סְתָם מִשְׁנָה**[מג] **קריגט אויף רבי אליעזר׳ן. זיי האָבן דאָך געוואוסט אַז ס׳איז דאָ חולְקִים, האָבן זיי דאָך געוואוסט אַז ס׳איז דאָ אַזאַ שִׁיטָה אויך,** [דהא יש] **מ״ט פנים טמא** [וטהור], **ממילא מוז דאָך דאָס געלערנט ווערן.**

קלד

ואף שלהלכה פסקינן בכל זמן רק כחד שיטה, אבל ׳בלימוד׳ הפרשה מוכרח שיעברו כל השיטות, ועל כן לכולי עלמא הוצרך לכתוב אלו הפרשיות, לצורך ׳לימוד׳ ודרשת כל השיטות

**נו אַז די פַּרְשָׁה העט נישט גיווען געשטאַנען, העט דאָך נישט גיווען דורכגעגאַנגען די מ״ט פנים טמא מיט די מ״ט פנים טהור, און דאָס מוז זיין, דאָס**

---

[נט] עיין **בגמרא ביצה** (כ.) [בענין הפלוגתא אם מביאים נדרים ונדבות ביו״ט, ואם סומכין עליהן ביו״ט]: **תנו רבנן מעשה בהלל הזקן שהביא עולתו לעזרה לסמוך עליה ביום טוב, חברו עליו תלמידי שמאי הזקן, אמרו לו מה טיבה של בהמה זו, אמר להם נקבה היא ולזבחי שלמים הבאתיה, כשכש להם בזנבה והלכו להם. ואותו היום גברה ידם של בית שמאי על בית הלל ובקשו לקבוע הלכה כמותן, והיה שם זקן אחד מתלמידי שמאי הזקן ובבא בן בוטא שמו שהיה יודע שהלכה כבית הלל, והביא כל צאן קדר שבירושלים והעמידן בעזרה ואמר כל מי שרוצה לסמוך יבא ויסמוך, ואותו היום גברה ידן של בית הלל וקבעו הלכה כמותן, ולא היה שם אדם שערער בדבר כלום.**

ובמשנה שבת (יג:): **ואלו מן ההלכות שאמרו בעליית חנניה בן חזקיה בן גרון שעלו לבקרו, נמנו ורבו בית שמאי על בית הלל, ושמונה עשר דברים גזרו בו ביום** [כמבואר בגמרא שם באורך כל הי״ח דבר]. – ועיין **בגמרא שם** (יז.): **אמר לו הלל לשמאי מפני מה בוצרין בטהרה ואין מוסקין בטהרה, אמר לו אם תקניטני גוזרני טומאה אף על המסיקה. נעצו חרב בבית המדרש, אמרו הנכנס יכנס והיוצא אל יצא, ואותו היום היה הלל כפוף ויושב לפני שמאי כאחד מן התלמידים, והיה קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל. וגזור שמאי והלל ולא קבלו מינייהו, ואתו תלמידייהו גזור וקבלו מינייהו.** [ועיין עוד **בתוספות** סוכה (ג. ד״ה דאמר) **דבסדר רב עמרם** פסק בששה מקומות כבית שמאי].

KolSatmar.com

זעט מען דאָך [בדברי הירושלמי, אַז] אפילו דעס וואָס ס׳איז נישט **לַהֲלָכָה**, מוז עס אויך געלערנט ווערן, [און] ס׳קער צום **קִיּוּם הָעוֹלָם**. אַזוי זאָגט דאָך דער **ירושלמי** [אַז] מֵהַאי טַעֲמָא - ווענן קִיּוּם הָעוֹלָם - האָט מען נישט געוואָלט געבן קיין הֲלָכָה פְּסוּקָה, כדי ס׳זאָל געלערנט ווערן [אַלע אופנים].

זעט מען דאָך אַז אפילו [אַז] אַלִיבָּא דֶּאֱמֶת [איז] קַמֵּי שְׁמַיָּא גַּלְיָא וויאַזוי מ׳וועט פַּסְקֶ׳נען, אפילו דעס וואָס ס׳איז נישט לַאֲמִתָּהּ שֶׁל ׳הֲלָכָה׳, פונדעסטוועגן אַז ס׳איז דעס חֵלֶק [תורה] וואָס ס׳איז [פנים להיפך], ס׳איז אַ שִׁיטָה, - בַּשָּׁמַיִם איז דאָס [אויך] אַ שִׁיטָה, -און דאָס מוז ׳דורכגיין׳ צווישן די חֲכָמִים [גם למטה], אַזוי איז דאָך מְבוֹאָר אין **ירושלמי**. מוז די שִׁיטָה ׳דורכגיין׳.

קלה

היצט איז דאָך אַזוי.

זיי האָבן טאַקע געהאַט אַזאַ שִׁיטָה [שלפיהם אי אפשר להתקיים ולהיות אלו הדינים], אָבער זיי האָבן דאָך געוואוסט אַז ס׳איז דאָ יענע שִׁיטָה [אויך, שאין צריך לכל אלו הפרטים, ואז שפיר אפשר זה להיות], און יענעס מוז אויך דורכגיין [שהיא גם כן] מִן הַשָּׁמַיִם. [און] אַז יענעס מוז אויך דורכגיין, ממילא **מוז דאָך שטיין די פַּרְשָׁה**, [כדי] **מ׳זאָל דורכגיין דיביידע שִׁיטוֹת**.

קלו

וזהו שאמרו בגמרא דלאותו מאן דאמר נכתב הפרשה משום ׳דְּרוֹשׁ׳ וְקַבֵּל שָׂכָר, דהיינו עבור שאמרו דצריך ומוכרח הוא שתהא התורה ׳נדרשת׳ במ"ט פנים טמא וטהור

איבערדעם איז טאַקע ביידע אֱמֶת.

איבערדעם האָט ער געזאָגט [דנכתב משום ׳דְּרוֹשׁ׳ וְקַבֵּל שָׂכָר, כי] לעולם עַל פִּי הֲלָכָה איז אַזוי [לדעתם, לויט] אַזוי ווי ׳זיי׳[ס] האָבן געהאַלטן אַזוי די הֲלָכָה, ממילא [לפי שיטתם] קען דאָס נישט זיין אַן **עִיר הַנִּדַּחַת**, די אַלע זאַכן קען נישט זיין. [וכן] **נגעי בתים**, ס׳קען נישט זיין.

איי פאַרוואָס דען שטייט די גאַנצע פַּרְשָׁה, ווייל ס׳מוזן דאָך ׳דורכגיין׳ יענע שִׁיטָה אויך.

און יענע שִׁיטָה איז דאָך נאָר, פאַרוואָס מוז [עס] זיין, **ווייל די תּוֹרָה איז במ"ט פנים ׳נדרשת׳**.

דאָס איז דער פְּשַׁט ׳**דְּרוֹשׁ׳ וְקַבֵּל שָׂכָר**, ס׳מוז גע׳דַרְשֶׁ׳נט ווערן די תּוֹרָה מיט אַלע מ"ט פנים. דאָס איז דער טייטש **דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר**, ס׳מוז גע׳דַרְשֶׁ׳נט ווערן מיט אַלע בְּחִינוֹת, ממילא אַז ס׳מוז גע׳דַרְשֶׁ׳נט ווערן מיט אַלע בְּחִינוֹת, מוז שטיין די פַּרְשָׁה, [ווייל] ס׳מוז דורכגיין די ביידע [שיטות].

קלז

**התחלת ישוב קושיא יט (לאופן הראשון)**

היצט ממילא איז שוין נישט קיין סְתִירָה [לדבריהם] דעס וואָס ס׳איז געשען אַ מַעֲשֶׂה (קושיא יט). וואָרן ס׳קען דאָך זיין אַזוי [במציאות, לפי סברת החולקים עליהם], זיי האָבן אויך געוואוסט [שיש חולקים], **ס׳איז דאָך אייביג געווען פְּלוּגְתּוֹת**. (ההמשך בזה, להלן באות קמא)

---

[ס] רבי אליעזר, ורבי יהודה, ורבי אלעזר ברבי שמעון.

KolSatmar.com

קלח

**הוספה לישוב קושיא יח (באופן ראשון)**

ויש להוסיף עוד בזה, דהנה מבואר בגמרא נדה, דבפסוק וּבֵין נֶגַע לָנֶגַע דִּבְרֵי רִיבֹת בִּשְׁעָרֶיךָ, הכוונה בזה על פלוגתא זו עצמה שבין החכמים בפרטי הדינים של בית המנוגע, שבזה תלוי אם אפשר להיות כן במציאות או לא. ואם כן פלוגתא זו עצמה כבר נרמז בהפסוק, ומוכח מזה שהיא פלוגתא קדומה עוד מחכמי הדור שבימי משה, וכן בכל דור ודור

**לְמָשָׁל ס'זעט מיר עפּעס אויס אין די גמרא** [שפלוגתא זו בפרטיות נרמז להדיא בפסוק]. [דהנה] **די גמרא זאָגט אין נדה דף י"ט**[סא], [על דברי המשנה] **חמשה דמים איז דאָ טְמֵאִים, און ס'איז דאָ דמים טְהוֹרִים. פרעגט די גמרא, פונוואַנעט ווייסטו אַז ס'איז גאָר דאָ טְהוֹרִים, אפשר יעדעס דם איז טָמֵא.**

ענטפערט די גמרא, [ווייל] ס'שטייט (דברים יז, ח) **כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר לַמִּשְׁפָּט בֵּין דָּם לְדָם, איבערדעם מוז זיין אַז ס'איז בין דם טהור לדם טמא, מוז דאָך זיין אַז ס'איז דאָ אַ דם טהור אויכעט.**

**פרעגט די גמרא אלא מעתה בֵּין נֶגַע לְנֶגַע** (שם), **איז דען דאָ אַ נֶגַע טָהוֹר. איי ווּעסטו ווּעלן זאָגן** [בפרח הנגע בכל גופו, וכדכתיב] **כֻּלּוֹ הָפַךְ לָבָן טָהוֹר הוּא. דעמאָלטס הייסט עס נישט קיין נֶגַע, נאָר בֹּהַק** (תזריע יג, לט).

**הַכְּלָל ענטפערט די גמרא, געפינט די גמרא** [א נגע טהור] **אַזוי,** [ווייל] **ביי נִגְעֵי אָדָם געפון איך אַ פְּלוּגְתָּא,** [בהדין] **צי בַּהֶרֶת קָדְמָה** [לַשֵּׂעָר לָבָן, דאז הוא טמא, ואם שֵׂעָר לָבָן קָדְמָה לְבַהֶרֶת דאז הוא טהור, ויש פלוגתא במקום וואָס] **ס'איז** [אַ] **'סָפֵק'** [אם] **בַּהֶרֶת קָדְמָה לַשֵּׂעָר לָבָן אָדער שֵׂעָר לָבָן קָדְמָה לְבַהֶרֶת.**

[וכמו כן] **ביי נגעי בתים געפון איך אַ פְּלוּגְתָּא** [פון] **רבי אלעזר ברבי שמעון** [עם החכמים], **די פלוגתא דאָ אָט** [פון] **'די' מַאן דְּאָמְרִים, וואָס אין דעם איז גיוועגדט צי נגעי בתים לא היה ולא עתיד להיות,** [או דשפיר היה].

קלט

**זעט דאָך אויס** [מדברי הגמרא נדה], **אַז די גמרא האָט נישט געטראָפן ביי נגעי בתים**

---

[סא] דאיתא במשנה דנדה (יט.) **חמשה דמים טמאים באשה, האדום והשחור וכקרן כרכום וכמימי אדמה וכמזוג** וכו', **איזהו אדום כדם המכה** וכו', **עמוק מכן טמא, דיהה מכן טהור** וכו'.

ועל זה איתא בגמרא שם: **מנלן דאיכא דם טהור באשה, דלמא כל דם דאתי מינה טמא. אמר רבי חמא בר יוסף אמר רבי אושעיא, אמר קרא** כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר לַמִּשְׁפָּט בֵּין דָּם לְדָם, **בין דם טהור לדם טמא. ○ אלא מעתה** בֵּין נֶגַע לְנֶגַע **הכי נמי בין נגע טמא לנגע טהור** [פירש"י: 'אלא מעתה' כו', עד 'וכולן טמאין' לשון קושיא הוא], **וכי תימא הכי נמי, נגע טהור מי איכא. וכי תימא** כֻּלּוֹ הָפַךְ לָבָן טָהוֹר הוּא, **ההוא 'בּוֹהַק' מקרי** [לשון לובן שנראה באנשים בחורים טפות לבנות מאד בפניהם]. **אלא בין נגעי אדם לנגעי בתים ולנגעי בגדים, וכולן טמאין, הכא נמי בין דם נדה לדם זיבה, וכולן טמאין. ○ האי מאי, בשלמא התם** [גבי נגעים אע"ג דכולהו לטמא] **איכא לאפלוגי** [לאוקומי קרא דאיירי בפלוגתא דזקן ממרא וסנהדרין שבדורו וכו', כגון דמיפלגי] **בנגעי אדם, ובפלוגתא דרבי יהושע ורבנן** [דקאמר זקן ממרא כחד מינייהו וסנהדרין כחד מינייהו], **דתנן אם בהרת קודם לשער לבן טמא** [דשער לבן מסימני טומאה, וכגון שקדמתו בהרת, דכתיב (תזריע יג, כה) וְהִנֵּה נֶהְפַּךְ שֵׂעָר לָבָן בַּבַּהֶרֶת], **ואם שער לבן קודם לבהרת טהור, ספק טמא, ורבי יהושע אומר כהה, ואמר רבה כהה וטהור** [הרי הוא כנגע שכהה מראיתו בשבוע של הסגר, שהוא סימן טהרה וכו']. **בנגעי בתים, כי הא פלוגתא דרבי אלעזר ברבי שמעון ורבנן, דתנן ר"א בר"ש אומר לעולם אין הבית טמא עד שיראה כשני גריסין על שני אבנים בשני כותלים בקרן זוית** [אחד בכותל זה ואחד בכותל זה. שיעור נגע 'כגריס' לאורך ולרוחב], **ארכו כשני גריסין ורחבו כגריס** [דכשהוא מוטל ארכו על ב' אבנים, נמצא בכל אבן גריס על גריס כשיעור נגע, ושתי אבנים בעינן, דכתיב (יד, מ) וְחִלְּצוּ אֶת הָאֲבָנִים]. **מאי טעמא דר"א בר"ש, כתיב קִיר** [וּמַרְאֵיהֶן שָׁפָל מִן הַקִּיר (שם, ז)] **וכתיב קִירוֹת, איזהו קיר שהוא כשני קירות, הוי אומר זה קרן זוית. בנגעי בגדים, בפלוגתא דר' יונתן בן אבטולמוס ורבנן, דתניא ר' יונתן בן אבטולמוס אומר מנין לפריחת בגדים** [פרחה צרעת בכולהו] **שהיא טהורה** וכו'. **אלא הכא, אי דם טהור ליכא, במאי פליגי.**

KolSatmar.com

**קיין 'אַנדערע' פְּלוּגְתָּא, - אַז ס'זאָל זיין אין וואָס מְחוּלָק צו זיין** [הסנהדרין, וכמאמר הכתוב כִּי יִפָּלֵא וגו' וּבֵין נֶגַע לְנֶגַע] **דִּבְרֵי רִיבֹת בִּשְׁעָרֶיךָ,** [און] **מ'זאָל** [דאַרפן] **גיין פרעגן אֶל הַמָּקוֹם** [אֲשֶׁר יִבְחַר ה', בענין] **בֵּין נֶגַע לָנֶגַע, - 'נאָר די פְּלוּגְתָּא' פון רבי אלעזר ברבי שמעון.**

קמ

**ממילא זעט דאָך אויס, איז דאָך נאָך מְרוּמָז אין פָּסוּק** [כִּי יִפָּלֵא וגו' 'וּבֵין נֶגַע לָנֶגַע'], **אַז ס'וועט זיין אַ פְּלוּגְתָּא** [בדין נגעי בתים].

קמא

ואם כן בודאי דבפלוגתא זו מוכרח שיעברו כל אלו השיטות בין חכמי הדור,
ועל כן לכולי עלמא יש הכרח בכתיבת פרשת נגעי בתים. וכן בשאר הפרשיות אלו

**ממילא אַז ס'איז אין דעם אַ פְּלוּגְתָּא, דאָס מוז דורכגיין, דאָס מוז זיין. איבערדעם ברויך עס שטיין טאַקע.** [און] **דאָס איז דער פְּשַט דְּרוֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר,** [שזהו עצמו הוא התירוץ פאַרוואָס] **די פַּרְשָׁה מוז שטיין.**

קמב

**ישוב קושיא יט**

ולפי זה הרי יתכן שגם המאן דאמר שאי אפשר להיות, מודה הוא כי היה זמן בבית דין שלפניו שפסקו כדעת החולקים עליו, ושפיר דנו דין בית המנוגע, או דין בן סורר ומורה ועיר הנידחת. אלא שהוא סובר לחלוק לדינא על אותו הפסק

**היצט איז אַזוי. דאָס איז געווען אַ פְּלוּגְתָּא געווען אייביג** [בדין בית המנוגע, ואף מימות משה, וכנרמז בהפסוק וּבֵין נֶגַע לָנֶגַע].

[ואם כן] **קאָן טאַקע זיין אַז ס'איז געווען אַמאָל** [איזה זמן שבו דנו הסנהדרין דין עִיר הַנִּדַּחַת ובן סורר ומורה ונגעי בתים. ואף הסוברים דאי אפשר להיות, מודים דהיה זמן שלא סברו כמותם].

קמג

ואף שאין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו אלא אם כן גדול ממנו בחכמה ובמנין, אמנם כבר כתב הרמב"ם דאין זה אלא בתקנה או גזירת בית דין מדבריהם. אבל במדרש הפסוקים דתלוי לפי המדות שהתורה נדרשת בהן, שפיר אפשר לחלוק על בית דין הקדום. ואפילו לענין האמוראים שקיבלו עליהם שאין יכולין לחלוק על התנאים, מכל מקום אם מוצא גם 'תנא' דסובר כמותו, יכול הוא לחלוק על שאר התנאים, וכמבואר בגמרא 'הוא דאמר כהאי תנא'

[ואין תימה דאם כן דהבסנהדרין שלפניהם כבר דנו כן, האיך יוכלו בדורם לחלוק על זה, דהא גם בדור שלפניהם היה דיעה הסוברת כן, רק שלא הכריעו פסק ההלכה כן, ובכהאי גוונא יכולין לחלוק בדור שלאחריהם. אַזוי ווי] **דער רמב"ם זאָגט דאָך**[סב], [אַז] **אויף** [צו] **מְבַטֵּל צו זיין אַ תַּקָּנָה אָדער אַ גְּזֵירָה** [שתקנו וגזרו בית דין הקדום מדבריהם], **קאָן מען נישט מְבַטֵּל זיין** [אלא אם כן

---

[סב] **ברמב"ם** (ממרים ב, א-ג): **בית דין גדול שדרשו באחת מן המדות** [שהתורה נדרשת בהן] **כפי מה שנראה בעיניהם שהדין כך, ודנו דין. ועמד אחריהם בית דין אחר, ונראה לו טעם אחר לסתור אותו. הרי זה סותר ודן כפי מה שנראה בעיניו, שנאמר** (דברים יז, ט) **אֶל הַשֹּׁפֵט אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם, אינך חייב ללכת אלא אחר בית דין שבדורך. ○ בית דין שגזרו 'גזירה' או תקנו 'תקנה' והנהיגו 'מנהג', ופשט הדבר בכל ישראל, ועמד אחריהם בית דין אחר ובקש לבטל דברים הראשונים ולעקור אותה התקנה ואותה הגזירה ואותו המנהג, אינו יכול עד שיהיה גדול מן הראשונים בחכמה ובמנין. היה גדול בחכמה אבל לא במנין, במנין אבל לא בחכמה, אינו יכול לבטל את דבריו. אפילו בטל הטעם שבגללו גזרו הראשונים או התקינו, אין האחרונים יכולין לבטל עד שיהו גדולים מהם וכו'. ○ במה דברים אמורים, בדברים שלא אסרו אותן כדי לעשות סייג לתורה, אלא כשאר דיני תורה. אבל דברים שראו בית דין לגזור ולאסרן לעשות סייג, אם פָּשַׁט איסורן בכל ישראל, אין בית דין גדול אחר יכול לעקרן ולהתירן, אפילו היה גדול מן הראשונים.**

הוא בית דין גדול ממנו, ווייל] אֵין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו, אלא אם כן גדול הימנו בְּחָכְמָה וּבְמִנְיָן[סג].

אָבער [כשיש מחלוקת] אין ׳הֲלָכָה׳, אַז ס׳איז נישט קיין תַּקָּנָה און נישט קיין גְּזֵירָה, נאָר [אַז] מ׳לערנט אַזוי פְּשַׁט אין פָּסוּק, אין אַ הֲלָכָה, קען קומען אַ שפּעטערע בית דין און זאָגן אַז זיי זעען אַנדערש איין [בפשט הפסוק וההלכה], קענען זיי קריגן.

[ועל דרך שמצינו על האמוראים בלשון הגמרא] הוּא דְּאָמַר כִּי הַאי תַּנָּא, איך מוז נאָר טרעפן [שגם בזמן התנאים היה דיעה כזו, אף שאז לא פסקו כמותו, וממילא] זאָגט ער[סד], [דלכן] אפילו אַן אֲמוֹרָא, [וואָס] אַן אֲמוֹרָא קען שוין נישט קריגן [על התנא], נאָר מוז ער אויך טרעפן עפּעס אַ תַּנָּא [שהיה סובר כמותו, און דעמאָלטס] קען מען פַּסְקְ׳נען אַנדערש [ווי שאר התנאים שבמשנה או ברייתא][סה].

קמד

[וממילא] קאָן טאַקע זיין [אַז] דאָס איז נישט קיין סְתִירָה [ממה שאמר רבי יונתן ׳אני ראיתי׳ שהיה כן] (קושיא יט).

[כי לעולם] ס׳איז געווען אַמאָל אַ צייט [אַז] די סנהדרין האָבן ׳אַזוי׳ גע׳פַּסְקְ׳נט, און דעמאָלטס האָבן זיי געטון [אויך] אַ מַעֲשֶׂה, [וממילא] ער האָט געקאָנט זיצן עַל קִבְרוֹ [של בן סורר ומורר, ואצל אבנים המנוגעים], און זיי האָבן נישט געדאַרפט מְחוּלָּק זיין אויף דעם [שכך היה ׳מעשה׳]. די ׳מַעֲשֶׂה׳ קאָן זיין אֱמֶת, און זיי האָבן ׳דאָך׳ געהאַלטן אַז ס׳איז נישט אַזוי דער ׳דִּין׳.

זיי האָבן [טאַקע] חוֹלֵק געווען, [אָבער] פונדעסטוועגן האָבן זיי געוואוסט [שהחולקים עליהם] זיי האָבן אויך אַ שִׁיטָה, זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט אַז ס׳איז דאָ אַזאַ שִׁיטָה אויכעט, און ס׳איז אֵלּוּ וְאֵלּוּ דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים. נאָר דעמאָלטס האָט מען ׳אַזוי׳ גע׳פַּסְקְ׳נט, [און] זיי האָבן ׳אַזוי׳ גע׳פַּסְקְ׳נט.

נאָר ער זאָגט אַז דער עיקר איז אַזוי [על פי הלכה, שזה אי אפשר להיות], און ממילא קומט אויס [אַז] עַל פִּי הֲלָכָה האָט דאָס נישט ׳געדאַרפט׳ צו זיין, און ס׳איז טאַקע

---

[סג] כמבואר במשנה דעדיות (א, ה), ובגמרא (גיטין לו: ועוד).

[סד] ברמב״ם, וכפי מה שביאר כל זה בדבריו בכסף משנה שם (ב, א) וז״ל: למד כן רבינו, ממאי דאשכחן תנאי בתראי דפליגי אקמאי, וכן אמוראי בתראי פליגי אקמאי. והא דתנן בפרק קמא דעדיות (משנה ה) שאם יראה בית דין את דברי היחיד ויסמוך עליו, שאין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו עד שיהא גדול ממנו בחכמה ובמנין, מוקי לה רבינו בשאותו יחיד ואותם רבים נחלקו בגזירה או תקנה, כלומר שאם בית דין פסק כדעת היחיד, אין בית דין אחר יכול לחלוק ולפסוק כדעת הרבים אלא אם היה גדול וכו׳, וכמו שיתבאר בסמוך. אבל אם נחלקו בשזה דורש באחת מן המדות, וזה באחרת, אין הכי נמי שיכול לבטל דבריו אפילו שאינו גדול כמוהו בחכמה ובמנין. ○ ואם תאמר אם כן אמאי לא פליגי אמוראי אתנאי, דהא בכל דוכתא מקשינן לאמורא ממתניתין או מברייתא, וצריך לומר אנא דאמרי כי האי תנא, ואם לא יאמר כן קשיא ליה. וכפי דברי רבינו, הרשות נתונה להם לחלוק על דברי התנאים. ואפשר לומר שמיום חתימת המשנה, קיימו וקבלו שדורות האחרונים לא יחלקו על הראשונים. וכן עשו גם בחתימת הגמרא, שמיום שנחתמה לא ניתן רשות לשום אדם לחלוק עליה.

וכן בפי׳ הרדב״ז על הרמב״ם (שם) וז״ל: בית דין הגדול שדרשו וכו׳. משמע מדברי רבינו אפי׳ שאין בי״ד השני גדול מן הראשון בחכמה ובמנין. והא תנן סתמא במשנת עדיות אין בי״ד יכולין לבטל דברי ב״ד חבירו עד שיהיה גדול ממנו בחכמה ובמנין. ויש לומר דהך מתניתין מפרש רבינו בתקנות וגזירות, אבל בדין מן הדינים שלמדו אותן באחת מהמדות, יכול לבטל, דאי לא תימא הכי במה יתקיים קרא דְּאֶל הַשֹּׁפֵט אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם. והכי משמע לישנא ׳דלבטל׳ דברי בי״ד חבירו, דבתקנות וגזרות שייך לשון ביטול, ודוק. [ועיין בזה בחידושי חתם סופר (ביצה ה. ד״ה הוי דבר שבמנין)].

[סה] ועין בענין זה בס״ג כי תצא תשכ״ז (לשון קדשו קונטרס רפ ח״ג, אות נז)

KolSatmar.com

**נישט געווען** [להלכה, כי לשיטתם לא היה לזה דין סורר ומורה או בית המנוגע]. **און אויף יענעם** [על עדות רבי יונתן] **איז נישט קיין קַשְׁיָא,** [שאז פסקו להלכה ולמעשה שלא כמותם].

קמה
ואפשר להוסיף עוד, כי אף לשיטת אותו מאן דאמר, שייך לומר שסיבבו מן השמים לפסוק בבית דין הקודם אף שלא כשיטת ההלכה לדעתו. וכדרך שביאר הרמב"ן בטעם הדין שאמרו בעדים זוממין דאם כבר הרגו על פיהם אינם נהרגין, דמכיון שכבר נעשה מעשה זהו לאות כי מן השמים חייבוהו להנידון מטעם אחר, כי אלקים נצב בעדת קֵל, והוא עמהם בדבר המשפט

**און ס'קאָן גאָר זיין נאָך מער אויך, אַז ס'איז געווען אַזוי מִן הַשָּׁמַיִם** [כשאירע כן המעשה לדונם כך באותו זמן].

**אַזוי ווי דער רמב"ן זאָגט**[סו] [בטעם הדין שאמרו אם] **הָרְגוּ אֵין נֶהֱרָגִין, ביי עֵדִים זוֹמְמִין**[סז]. **פאַרוואָס, ווארן דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ביי די שׁוֹפְטִים, ווען ס'זיצן די סנהדרין, איז געווען ה' עִמָּם אין אַלעם, מ'האָט זיי געפירט** [מִן הַשָּׁמַיִם] **וויאַזוי זיי זאָלן פַּסְקֶ'נען. זאָגט ער אַז וויבאַלד אַז זיי האָבן אַזוי גע'פַּסְקֶ'ט** [וכבר נהרג הנידון], **איז אַ סימן אַז די ערשטע עֵדוּת** [שחייבוהו] **זענען גערעכט, אַז ס'איז עפּעס דאָ אַ טַעַם דערביי.** [ועל כן] **כאָטשיג עַל פִּי הֲלָכָה קומט אויס** [אַז] **זיי זענען עֵדִים זוֹמְמִין** [שהרי עדות בתראה הזימו אותם], **אָבער פונדעסטוועגן אֵין נֶהֱרָגִין, ווייל ס'זעט אויס אַז זיי זענען 'דאָך' גערעכט געווען** [וויבאַלד] **אַז ס'איז געשען אַ מַעֲשֶׂה** [על פיהם בבית דין. ורק] **ביי לא הרגו** [עדיין], **איז עפּעס אַנדערש. אָבער אַז ס'איז שוין געשען אַ מַעֲשֶׂה, איז אַ סימן** [אַז] **זיי זענען גערעכט געווען** [וחייבוהו להנידון מן השמים], **פאַר אַן אַנדערן טַעַם.**

קמו
או יתכן שסיבבו כן מן השמים עבור חטאו שבגלגול הקדום, אף שבגלגול זה לא היה ראוי להתחייב מצד ההלכה. וכמבואר בדגל מחנה אפרים פרשת משפטים, בשם הבעל שם טוב

**אָדער** [כגון] **ווי ער זאָגט, דער דגל טייטשט**[סח] [בפסוק] **וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם,** [שעל זה] **שטייט אין זוהר הקדוש**[סט]**, אִלֵּין סִדּוּרִין דְּגִלְגּוּלָא.** [ולכאורה] **וואו קומט עפּעס 'גִלְגּוּלִים' צו מִשְׁפָּטִים.**

---

